STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03612

BILDER FUN ERTS YISROEL

Davis Trietsch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בילדער
פון
ארץ ישראל

פון

דעֶוויס טריטש

ת ר פ א

וועלט-פארלאג / בערלין

אלע רעכט זענען ביים פארלאג.
געדרוקט אין דער „עבר"-דרוקעריי, בערלין.

Copyright 1921 by Welt-Verlag / Berlin

דאס בוך איז איבערגעזעצט געווארען פון דייטש מיטן בפירושען הסכם פון מחבר.
דער איינבאנד איז געצייכענט פון צבי גליקמאן.

הקדמה

אינ׳ם דאָזיגען בוך זענען צונויפגעשטעלט עטליכע בילדער פון ארץ-ישראל — פעדערסקיצען און אמתע בילדער, אייגענע און געליגענע זאַכען — כדי דורך דעם פאַרשידענקייט פון חומר זאָל מען זיך ביים לייענען מאַכען אַ פאָרשטעלונג פון דאָזיגען לאַנד, דעם משונהדיגסטען צווישען אַלע לענדער, אָהן שום סדר זענען צונויפגעשטעלט געוואָרען שילדערונגען פונ׳ם לאַנד און פון זיינע איינוואוינער, פון אזוינס, וואס איז געוועזן און וואס האַלט אין ווערען, פון טראַדיציעס און פון האָפענונגען, צווישען זיי זענען פאַרשפרייט געוואָרען אַ סך בילדער פון לאַנדשאַפטען און שטעדט, פון אַראַבישע דערפער און יודישע קאָלאָניעס, פון שטומע עדות פונ׳ם עבר און פון לעבעדיגע מענשען.

דאָס דאָזיגע בוך איז איינער פון די פאַרשידענערליי פועל־יוצאס פון עטליכע יאָהר וואוינען אין ארץ־ישראל און פון אַ סך נסיעות, וואָס האָבען דעם מחבר נישט נאָר געפיהרט פון דן ביז באר שבע, נאָר אויף דרום־זייט ביז על־אַריש, ביים נחל מצרים, און ביז ארם צובא, דער מלכה פונ׳ם צפון־לאַנד.

דאָס דאָזיגע לאַנד איז וואונדערליך רייך אין פאַרשידענע געשטאַלטען, נאָר ווער עס גייט דאָרטען אַרום מיט די אויגען פון אַ יודי, קלערענדיג אויך פון פאַרגאַנגענע און קומענדיגע צייטען, פאַר דעם ווערען לעבעדיג אַפילו די מדבריות און די בערג, וואָס אָהן וועלדער, און ווי שרעקליך דער היינטיגער מצב זאָל ניט זיין אין אַ סך פרטים, קאָן ער איהם פאָרט ניט פאַרפינסטערען דאָס בילד פון עתיד פון אַ נייער ענטוויקלונג, וואָס זאָגט אונז צו אַלע אַלטע הבטחות אויפס־ניי.

דעוויס טריטש.

דער מזרח׳ שטענדיג דער אייגענער׳

אומעדום אין אלע לענדער פון מערב איז פאַרשפּרייט אַ מיינונג׳ אז דער מזרח בייט זיך נישט איבער׳ מען איז געוואוינט צו מיינען׳ אַז דארטען איז אַלצדינג׳ ווי ס׳איז געווען מיט טויזענטער יאהרען צוריק׳ און אז ס׳וועט שטענדיג בלייבען אזוי — אין אַזאַ מיינונג איז פאראן אי א סך אמת אי א סך טעות׳ און על כל פנים׳ ס׳וועט זיין אינטערעסאנט׳ אַ ביסעל אפּצושטעלען זיך ביי די סיבות פון אַזאַ מיינונג׳ און אויך אנצווייזען אַזוינס׳ וואס מען פארגעסט ס׳רוב אין איהם׳

קודם איז דער געדאנק פון נישט־בייטען זיך פונ׳ם מזרח אזוי שטאַרק געווארען דורך דעם׳ וואס די לענדער פונ׳ם מערב זענען היסטאריש אזוי יונג׳ מיטעל־און צפון־אייראפּע — ווער רעדט נאך אמעריקע — האבען צו קוקען נאר אויף אַ גאנץ קורצער צייט׳ אין איהר האבען זיך געמאכט איבערקעהרענישען גאר אָהן אַ שיעור׳ אַז מען וואָלט געגאנגען נאָר אַ קליין שטיקעל וועגס צוריק אָדער ווייטער׳ הונדערט אָדער צוויי הונדערט יאָהר׳ וואָלט מען זיך געפונען אין גאַר אַנדערע מיני פארהעלטענישען׳ גאנץ פרעמדע — דאָס לאַנד אנדערש׳ די מענשען אנדערש׳ נישטאָ אַזוינס אין מזרח׳ דאָרטען זענען פאַראַן אָהן אַ שיעור שייכותען צווישען דער בייסטער צייט און די עלטערע צייטען׳ אויב אברהם אבינו וואָלט היינט אריינ־געגאַנגען אין דעם געצעלט פון אַ היינטיגען בעדואין אין אַ היינטיג פעלאַחען־דאָרף׳ וואָלט ער נישט געטראָפען קיין סך׳ וואָס וואָלט זיך אויס־געוויזען ניי — אָפּט קיין שום זאך נישט אפילו׳

אַזוי ווייט איז דער געדאַנק אמת׳ אָבער מען טאָר נישט פאַרגעסען אין גאַנצען׳ אַז צווישען דעם פריהסטען עבר און דעם היינט ליגען פּאָרט עטליכע שינויים׳ די פרימיטיווע תקופה פון דער יודישער היסטאָריע איז דאָך זעהר פאַרשידען פון דער צייט פון די שפּעטערדיגע מלכים׳ ווען ישעיה הנביא האָט מלחמה געהאַלטען מיט לוקסוס און תענוגים׳ אין דער גרעקיש־רוימישער תקופה איז ארץ־ישראל עהנליך געוואָרען ווי די אַנדערע לענדער פון דער דעמאלדיגער וועלט׳ די מסעי הצלב האָבען אויך געהאַט אַ פּעולה אויף זיין כאַראקטער׳ און כאָטש די דערפער האָבען נאָר געהאַט אַ קליינעם חלק פון די אַלע שינויים׳ איז דאָך אָבער דאָס היינטיגע ירושלים געוואָרען ס׳רוב כלומרשט אַן אייראָפּעאישע שטאָט׳ און מעהר וועניגער קאָן מען דאָס זאָגען אויך וועגען די אַנדערע שטעדט׳

נאָר סוף כל סוף ווייסט מען אין די לענדער פון מערב צו ווייניג פון די איבערקעהרענישען, וואָס זענען אַרויסגערופען געוואָרען אינ׳ם שלאָפענדיגען מזרח דורך דעם אַריינרייסען זיך פון דער טעכניק. דער בעדואין אויף דער אייזענבאהן, דער סורישער פויער, וואָס מאַכט פוטער אויף אַ מילען-סעפּאַראַטאָר פון טירינגען, די אַראַבישע אלמנה אין שטאָדט, וואס קויפט זיך אויף ראַטעס אַ «זינגער»-נעה-מאשין, דאָס ברוינע יונגעל, וואס פוצט אויפ׳ן מאַרק אין יפו די שיך פון אַן אַראַבישען פאַצעט מיט די נייסטע אַמעריקאַנישע קרעמען — דאָס זענען אַלצדינג בילדער, וואס פאַסען ניט צו די מעשיות פון תנ״ך און צו די מעשה׳לעך פון טויזענט-איין-נאכט. — אמת, איין מעטער ווייטער שטייט פלוצים אויף די אַלטע וועלט פונ׳ם מזרח, וואָס האט זיך ניט געביטען, לעבען די שיך-פוצערס אַרבייטען אינ׳ם אייגענעם געסעלע פונ׳ם יפו׳ער מאַרק אַ פּאָר שערען-שאַרפערס פון באַגדאַד, וואס פאַסען גאַנץ גוט צו אַ בילד פון טויזענט-איין-נאַכט, די שכנטע פון דער אלמנה מיט דער נעה-מאַשין מאָהלט די תבואה פאַר איהר טעגליך ברויט אויף דער גאַנץ אַלטער שטיינערנער האַנד-מיהל, וואָס איז מיט קיין ברעקעל נישט אַנדערש פון יענער, וואָס מען האט דערמיט געמאָהלען דאס קאָרען אין אברהם אבינו׳ס בעל-בתישקייט, אינ׳ם דאָרף פון מילעך-סעפּאַראַטאָר אַקערט מען מיט אַן אַקער-אייזען און מען דרעשט מיט אַ דרעש-שליטען, וואָס פונקט זייערסגלייכען האָבען די לייט פון יהושע בן נון איבערגענומען פון די פעלקער, וועלכע זיי האָבען אַרויסגעטריבען, און ווער עס פאַרשטעהט דאָס לשון פון די בעדואינען אין דער אייזענבאַן, וועט אָפט הערען שמועסען,



דער ארייננפאל פונ׳ם קישון אין ים ביי חיפה.

וואס וואָלטען פונקט אַזוי גוט געפּאַסט אינ׳ם מויל פון זייערע עלטער־זיידעס צוריק מיט פינף־טויזענט יאָהר — דער זעלבער תּוכן׳ דער זעלביגער מין רעדען׳

וועגען דעם דאָזיגען מישמאש פון די עלטסטע און די נייסטע זאַכען מוז מען אַ טראַכט טון׳ אַז מען וויל פּרואווען׳ צו פאַרשטעהן די דאָזיגע פרעמדע וועלט׳



וואסער־פאל ביים ירמוק׳

די יודען פונ׳ם מזרח·

I

די ארץ־ישראל־יודען זענען היינט נאר אַ קליינער חלק פון די יודען פונ׳ם מזרח· און אויב מיר ווילען פאַרשטעהן זייער מצב, מוזען מיר זיך אַ ביסעל פאַרנעמען מיט׳ן אפשטאַם און מיט די פאַרהעלטענישען פון די יודען, וואָס לעבען אין גאַנצען מזרח·

מען קאָן זאגען — כאָטש מיר האָבען ניט קיין געוויסע כסדרדיגע ידיעות וועגען דעם — אַז אין ארץ־ישראל האָבען תמיד געלעבט יודישע איינוואוינער, אַלע יודישע נוסעים, וואָס זענען געווען — אויך אין די ימי הבינים — אין ארץ־ישראל, דערצעהלען פון מעהר וועניגער גרויסע קהילות, וואָס זיי האָבען געטראָפען, נישט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין גאַנצען מזרח·

די יודישע איינוואוינער פונ׳ם היינטיגען מזרח זענען זעהר פאַרשידען לויט זייער אפשטאַם און לויט זייער טבע, מען קען דא געפינען אלע מינים יודען, וואס זענען פאראן וואו עס איז ערגעץ אויף דער וועלט· און פאר דעם פאַקט איז טאַקע פאַראן אַ סיבה· ארץ־ישראל, דאָס האַרץ פון דעם מזרח, איז דאָס ציל פון יודישע עולי־רגל פון דער גאַנצער וועלט — דאָס איז פון איין זייט· פון דער אנדערער ליגט דער גאנצער אָריענט אַזוי אין דער מיטען פון דער גאַנצער וועלט, אַז אַ פאָלק, וואס לעבט צוזייט און האַלט זיך פאָרט מיט כּוח אין איינעם, האט בהכרח געמוזט זיך צונויפטרעפען דאָרטען, וואו די גרעסטע וועלט־וועגען באַגעגענען זיך·

אָבער ס׳איז פאַראַן נאָך אַ וויכטיגע סיבה: דער טערקישער מזרח איז אינ׳ם בייט פון די צייטען דער איינציגער גרויסער שטח פון לענדער, וואו מען האט די יודען רוהיג געלאָזט יודיש לעבען· אויב ס׳וואלט אפילו געווען עקזיסטירט — וואס ס׳איז אבער ניט געווען — אויף יענער זייט ים אַן אַנדער לאנד פון יודיש פרייהייט, איז נאך אַלץ דאָ אַ גרויסער חילוק — ארץ־ישראל איז די איינציגע נחלה פונ׳ם יודישען פאָלק· די געזעצען, וואס האָבען געגעבען אַ קיום אונזער נאַציע, זענען צוגעפאַסט צו דער דאָזיגער ערד און נישט צו קיין אַנדערער, נאָר פון דער דאָזיגער סביבה קאָן מען פאַרשטעהן די יודישע היסטאָריע, נאָר דאָ איז זי באמת לעבעדיג· אַזוי איז קיין חידוש נישט, אַז ארץ־ישראל און די אַרומיגע לענדער האבען געהאַט אַ שטאַרקען צוציהונגס־כּוח אויף די יודען פון דער גאַנצער וועלט, וואס האט לסוף געבראַכט דערצו, ס׳זאָל זיך דאָ מאכען לפי ערך אַ גרויסער קיבוץ יודען·

צו אַזאַ קיבוץ פון יודען אינ׳ם טערקישען מזרח האָבען אויך גורם געווען געוויסע געשעהענישען· דער גירוש ספרד און פאַרטוגאַל האט מיט פירהונדערט יאָהר צוריק אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אימיגראַציע אין דער טערקיי, און פון דעמאלט אָן האבען אַלע רדיפות אויף יודען געהאַט אַזא פעולה· רוסלאנד און תימן, פרס און מאַראָקאָ און אַלע אַנדערע לענדער, וואו

מען דריקט יודען, האבען אַרויסגעוואָרפען מעהר וועניגער שטאַרקע כוואַליעס פון אַ יודישער אימיגראַציע אויפ'ן באָרטען פון דער טערקיי, וואו מען האָט תמיד העלפענדיג אַריינגענומען די יודען.

דא האָבען די יודען אויך געקענט דערגרייכען צו גדולה און כבוד. גרויס איז דאס צעטעל פון יודישע מלוכה־מענער און לומדים אין דער טערקיי — און היינט עקזיסטירען אויך אַ סך יודען, וואָס האבען מלוכה־אַמטען. דער לעצטער



א חדר אין צפת.

סולטאַן, אַבדול האמיד האט אָפט אַרויסגעזאגט זיין צופרידענקייט מיט די יודען פון זיין מלוכה.

אויך די נישט־יודישע איינוואוינער באַציהען זיך סימפאַטיש צו די יודען, און האָבען געגעבען ראיות דערפון, אז ס'איז א חידוש, אין די איי־ראָפּעאישע לענדער זענען מיר געוואוינט, אז ס'ווערט נאָר אומרוהיג צווישען די נישט־יודען — וואָס עס זאָל ניט זיין די סיבה דערפון — האט מען מורא וועגען זיכערקייט פון די יודען, נאָר ווען מען האט צוריק מיט אַ פּאָר יאָהר מיט בלוט דערשטיקט אַ מרידה פון די אַרמענער אין קאָנסטאַנטינאָפּעל און

אין אַ פּאָר טעג זענען אַ סך טויזענטער ארמענער געוואָרען אַ קרבן פאַר דעם פארביטערטקייט פון די טערקישע איינוואוינער — האָט מען קיין איין יודען קיין ריהר אפילו נישט געטון. — — אין וואָסער ציוויליזירט לאנד נאָך וואָלט אַזוינס געווען מעגליך? —

ס'האט זיך אויך געטראָפען, אַז די יודישע נויט איז געווען גרויס, האָט די טערקישע ממשלה געגעבען הילף. למשל בשעת דער רומענישער אימיג־ראַציע־בהלה (1900) האט די טערקיי אַ סך הונדערטער יודען, וואָס זענען אַנטלאָפען און גאָרנישט געהאַט, באַזאָרגט מיט אַלע נייטיגע זאכען, מיט עסען און מיט לאַנד צו באַזעצען זיך און וואָס מען דאַרף דערצו און אַחוץ דעם האָבען אויך די טערקישע איינוואוינער די עלענטע געהאָלפען אויף אַ יעדען

קאווקאזישע קאלאניסטען פון באר יעקב ביי רחובות.

אופן — מעהר אפילו ווי ס'האָבען געהאָלפען יודען.

ווי טערקען און יודען לעבען אין איינעם, זעהט מען אויך אַן אינטע־רעסאַנט משל אויף דעם קליין־אַזיאַטישען אינזעל ראדאס. דאָס דאָרטיגע פעס־טונג האָט דער סולטאַן סאלימאַן דער גריסער צוגענומען ביי דעם אָרדען פון די קריסטליכע יאהאַניטער־ריטער, נאָך אַ לאַנג בעלעגערונג און נאך שרעק־ליכע קרבנות. כדי ניט צוצולאָזען, אַז די קריסטען זאָלען ווען עס איז ווידער באַזעצען זיך אין מיטען שטאָדט, האָט מען זיי פאַרוועהרט, ביי נאַכט צו בלייבען אין שטאָדט. און יעדען פאַרנאַכט, ווען די זון זעצט זיך, מוזען זיי אַרויס פון דער אינעווענינגער שטאָדט. די טערקען און די יודען (צו 5000 ביידע) וואוינען אינ'ם פעסטונג, אַ טייל נאָך אין די הייזער פון די ר'טער און ביי

די טויערען זעהט מען נאָך אָפט דעם אַלטען הערבּ׳

דאָס רוב שיפלעך־פיהרער אין ראדאס׳ וואָס פאָהרען צווישען די גרויסע שיפען און צווישען דעם קליינעם פּארט׳ זענען יודען׳ ווער עס ווייסט עס נישט׳ אָדער ווער ס׳האָט נישט שוין געזעהן אַ סך יודען פונ׳ם מזרח אין עהנליכע פרנסות׳ דעם וועט גאָרנישט אַרויף אויף דער מחשבה׳ אַז די דאָזיגע הויכע מענטשען׳ ברוין פון וועטער׳ מיט שטאַרקע מוסקלען׳ זאָלען זיין יודען׳ און פּאָרט איז דאָס גרעכטע רוב יודען פון סאַלאָניק׳ פון סמירנע און פון אַנדערע שטעדט אינ׳ם מזרח שיפלעך־פיהרער׳ משא־טרעגער אָדער מענטשען פון אַנדערע פּראָפעסיעס׳ וועלכע אַרבייטען שווער מיט זייער גוף׳ — דאָס איז גאָר אַן אַנדער מין יודען׳ ווי מיר זענען געוואוינט און קענען אין מערב-אייראָפּע׳ דעם דאָזיגען רושם האָבּען אַלע׳ וואָס באַגעגענען זיך דאָס ערשטע מאָל מיט דעם דאָזיגען מין יודען׳ וואָס מען איז ניט געוואוינט מיט איהם׳

II

אַ פראַנצויזישער שרייבּער האָט אַמאָל געזאָגט׳ אַז אַ יעדער מענטש האָט צוויי פאָטער־לענדער — זיין אייגענס און פראַנקרייך׳ דאַכט זיך מיר׳ מען וואָלט נאָך מעהר געווען גערעכט׳ אויב מען וואָלט געזאָגט: «איטליכער יוד׳ וואָס איז שטאָלץ׳ אַז ער קומט אַרויס פונ׳ם שטאַרקען פאָלק׳ וואָס לאָזט זיך ניט צושטערען׳ וואָס איז אַן אייביג לעבעדיגער עדות פון געשעהענישען אין לאַנג פאַרגאַנגענע צייטען — אַזאַ מין יוד האָט צוויי פאטער־לענדער — זיינס און ארץ־הקדושה — ארץ־ישראל און ירושלים! — »

דאָס זענען די ווערטער׳ מיט וועלכע דער אַלטער דע פינטא׳ דער

די קאלאניע ראשון לציון׳ די גרויסע גאס׳

וויצע־פרעזידענט פון דעם הויכען ראַט פון האָלאַנד האָט אָנגעהויבען זיין שלום־עליכם ביים עפענען דעם ציוניסטען־קאָנגרעס אין האַג׳

דאס ווערטעל פונ׳ם פראַנצויז נעמט מעהר ארום און ס׳איז שטאָלצער — אָבער ס׳איז ניט אמת׳ פראַנקרייך האָט דער וועלט אַ סך געגעבען׳ און אַ לאַנגע צייט איז עס געשטאַנען אַזוי הויך׳ אַז מען קאָן פאַרשטעהן די שטי־מונג׳ וואָס הערט זיך אין די דאָזיגע ווערטער׳ אָבער דאס בעסטע׳ וואס פראַנקרייך האָט געגעבען דער וועלט — און נישט נאָר פראַנקרייך׳ נאָר פונקט אַזוי די אַנדערע קלאַסישע רעפּובליקען׳ צפון־אַמעריקע און די שווייץ אָדער דאָס פרייע ענגלאַנד׳ דאָס פרייע האָלאַנד וכדו׳ — דאָס דאָזיגע בעסטע, וואָס געפינט זיין העכסטען פונקט אין די ווערטער «פרייהייט׳ גלייכקייט׳



די קאלאניע נס ציונה׳

ברידערליכקייט» — דאָס זענען אַלץ אידעאַלען׳ וואָס זענען עלטער ווי די דאָזיגע לענדער׳ און די אייגענטליכסטע היים פון די דאָזיגע לענדער איז ווידער ארץ־ישראל און ירושלים׳

ביז היינט האָט מען נישט דערגרייכט די יודישע תורה און די יודישע מלוכה און זייער השגה און זייער פיהרונג פון פרייהייט און יושר׳ מען קאָן רוהיג זאָגען׳ אַז דער תוכן פון יודישע אידעאַלען האָבען געהאָלפען דעם קריסטענטום אַזוי גרויס צו ווערען — ווי ווייט עס פאַרשפרייט זיין רשות׳ דעם גרעסטען ווערט האָבען יענע אידעען פון דער קריסטליכער וועלט׳ וואָס זענען יודישע אידעען׳ דער יודישער גייסט האָט אַרויפגעלעגט זיין חותם אויף דער גאַנצער אַזוי גערופענער ציוויליזירטער וועלט׳ און מיר זעהן טאַקע יעדען טאָג׳ ווי די גאַנצע וועלט האַלט ארץ ישראל און ירושלים פאַר איהר גייסטיגער

היים׳ היינט׳ זאָלען מיר אַליין אַרויסטרייבען פון אונזערע געדאַנקען דאָס לאַנד׳ וואָס איז געווען און איז פאַר אונז מעהר ווי א גייסטיגע היים — וואָס איז אין אַלטע צייטען געווען אונזער פאָלקס־היים און איצט הויבט עס ווידער אָן צו ווערען אונזער היים?

דער דאָזיגער געדאַנק פונ׳ם פאטערלאַנד ארץ־ישראל טאָר אונז אָבער ניט אָנפילען מיט אַ גאוה׳ בשעת מיר טוען גארנישט׳ נאָר מיר האָבען דורך איהם אויך התחייבותען. קודם כל דאָס התחייבות׳ צו געבען אונזערע בעסטע כוחות׳ כדי מיר זאָלען פון ארץ־ישראל ווידער מאַכען אַ לאַנד פון יודישען עתיד׳ און טאַקע לויט די יודישע אידעען פון א מענשליך לעבען׳ פון יושר און פרייהייט.

יעדערער קאן דערביי מיטהעלפען׳ ווארום ווי גרויס דער רעיון זאָל ניט זיין׳ קאָן מען איהם איבערפיהרען אין ממשות דורך גרויסע איינציגע מיטלען׳ מיר קאנען זיך נישט רעכענען מיט נסים און ניט מיט פלוצומדיגע און אומגעריכטע שינויים לטובה פון אונז׳ אונזער וועג איז אַ וועג פון געדול־דיגער אַרבייט׳ וואָס ווייסט איהר ציל׳ נאָר אַזאַ וועג קאָן ווידער עפענען אַ לאַנד און ווידער אויפבויען אַ פאָלק.

אַזוי אַרבייטען שוין היינט אַ סך מאָדערנע יודען און זייער צאָהל ווערט גרעסער וואָס אַ יאהר׳ און אויך די פּעוֹלה האַלט באַשיימפּערליך אין וואַקסען. אינ׳ם הויז פון אַ יפוער יודען׳ וואָס קער צו דער דאָזיגער צאָהל׳ האָב איך אַמאָל אויף דער וואַנד געזעהן אַ טאָוועל׳ וואו מיט העברעאישע אותיות איז געשטאַנען אַ שאלה׳

וואָס מעהר פון אונז וואָלטען אויך אזוי ערענסט און אויך אַזוי שטענדיג געקלערט וועגען דער דאָזיגער שאלה׳ וואָס גיכער וואָלטען געקומען די פעולות און מצליח געווען אונזער אַרבייט׳ די שאלה איז געווען:

«צו האָסטו היינט עפּעס געטון פאר דיין פאָלק און פאַר דיין לאַנד?»



טבריא׳ אז מען קוקט אהין פון ים כנרת׳

ירושלים.

אַראַבישע אגדות און מעשיות.

די אַראַבער האבען אַ טראַדיציע, וואָס לויט איהר האָבען מלאכים, געבויט ירושלים (על קודס) די «הייליגע שטאָדט», וואָס האָבען שוין צוויי טויזענט יאָהר פאר אדם הראשון עולה רגל געווען צו דעם הייליגען שטיין. זיי זאָגען, אַז דאָ איז געשטאַנען נוח׳ס תיבה (די טויבּ, וואס ער האָט אַרויסגעשיקט, האָט דאָס איילבּירט־צווייגעל געבראַכט פון הר־הזיתים!), אַז דאָ האָט אברהם



דאס גילדענע טויער, ירושלים.

געוואָלט מקריב זיין ישמעאל׳ן (נישט יצחק׳ן)׳ און דאָ האָט יעקב געזעהן זיין חלום׳

דער שטיין פון דעם אָמאַר־מעטשעט איז פאַר זיי דער צענטער פון דער וועלט׳ ער איז אַכצעהן מייל נעהנטער צום הימעל ווי וואָסער עס איז אַן אַנדערער פונקט אויף דער ערד׳ פון דאנען איז מחמד אַרויף אין הימעל׳ און דער שטיין׳ וואס איז דעמאָלט געלעגען אונטער שטויב און אַש׳ אַזוי׳ אז די מענשען האָבען נישט געוואוסט׳ האָט איהם מיט בענקשאַפט געוואלט נאכגעהן און האט זיך אַליין אויפגעהויבען איבער דעם שטויב און אַש׳ — זינט דעמאָלט זעהט מען איהם ווידער׳ נאָך היינט ווייזט מען אויף איהם דעם סימן פונ׳ם נביא׳ס פוס׳

אַן אַנדער מעשה דערצעהלט׳ ווען דער חאליף אָמאַר איז אַריין אין ירושלים — נישט אַזוי ווי אַן איינגעמער פון אַ שטאָדט׳ נאָר ווי אַן עולה רגל׳ אין אַ גראָב קלייד און מיט אַ שעפסען־פעלץ — האָט ער געזעהן ווי מיסט

קאלאניסטען אין בני־יהודה 1908
דאס טיפישע שטיין־הייזעל מיט׳ן געצעלט פונ׳ם שומר אויפ׳ן דאך׳

איז געלעגען אויפ׳ן אָרט פונ׳ם שטיין׳ די קריסטען האָבען דאָרטען געוואָרפען די גאַנצע שמאַטעס און אומפלייט׳ כדי צו דערנידעריגען די יודען׳ אָבער אָמאַר האט דאס געהאַלטען פאַר אַ שאַנד און געהייסען אָפצורייניגען דאָס אָרט׳ עטליכע זאָגען׳ ער האָט אַליין אָנגעהויבען די אַרבייט׳ נעמענדיג אַ קויש מיט מיסט אויף די פלייצעס און אוועקטראָגענדיג איהם׳ און יביר אבן נאפיר דערצעהלט׳ אַז נאכדעם ווי דער שטיין איז ווידער געוועזן פריי׳ האָט אמאַר געהייסען׳ מען זאל דאָ נישט מתפלל זיין׳ ביז עס וועלען נישט געהן דריי שטארקע רעגענס׳ — — — — — — — — — — — — — — — —

אויך זאָגען די אַראַבער — און מען וואָלט געקענט מיינען, אַז ס׳איז אַ יודישע טראַדיציע: —

«ארץ־ישראל איז דער צענטער פון דער וועלט,
ירושלים איז דער צענטער פון ארץ־ישראל,
דאָס אָרט פון בית־מקדש איז דער צענטער פון ירושלים,
דאָס קדשי־קדשים איז דער צענטער פונ׳ם בית־מקדש,
דער ארון־קודש איז דער צענטער פון קדשי־קדשים
און דער שטיין פאַר׳ן ארון־קודש איז דער יסוד פון דער וועלט.»

פארוואָס דאָס דאָזיגע אָרט איז מסוגל, צו זיין דאס מקדש פון דער וועלט ווענען דעם האבען די אַראַבער אַזאַ מעשה׳לע:



א מינארעט אין ירושלים.

דאָס אָרט פּוּנ׳ם בית־מקדש איז אַמאָל געווען אַ דרעש־שייער און האָט געהערט צו צוויי ברידער, איינער פון זיי איז געווען אַ באַווייבטער, דער אַנדערער אַ בחור. איינמאָל ביי נאַכט, ווען די תבואה איז שוין געווען אויס־געדראָשען און געטיילט צווישען די ברידער, האָט איטליכער זיך געלעגט שלאָפען ביי זיין חלק קאָרן, כדי צו היטען איהם, ווי מען טוט נאָך היינט אויך. ביי נאַכט איז דער באַווייבטער אזוי זיך געלעגען און אַ צייט נישט געשלאָפען, האָט ער געטראַכט ביי זיך: «כ׳בין איצט רייך, כ׳האָב אַ ווייב און קינדער און אַ שפע מיט תבואה, מיין ברודער נעבעך איז עלענט, פאַרוואָס



קברי המלכים ביי ירושלים.

זאָל איך זיין אַזוי פיל גליקליכער פון איהם? כ׳וועל איהם כאטש געבען אַ טייל פון מיין תבואה». און ער האט אַריבערגעטראָגען אַ טייל פון זיין תבואה צו דער קופּע פון זיין שלאָפענדיגען ברודער. — יענער האָט זיך אַ ביסעל שפּעטער אויפגעכאפּט און באַטראַכט זיך, וויפיל ער האָט מעהר, ווי ער אַליין דאַרף האבען. — אַז ער וועט עפּעס וועלען געבען זיין ברודער, וועט יענער אפשר ניט וועלען נעמען, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט אַריבערגעטראָגען אַ טייל פון זיין תבואה צו דער קופּע פון זיין ברודער, דעם באַווייבטען, וואָס איז דערווייל אַנטשלאָפען געוואָרען. — אין דער פריה האָט זיך יעדער פון דיביידע ברידער שטאַרק געחידושט, ווי דאס איז מעגליך, אַז ער האָט פּונקט אַזוי פיל, וויפיל פריהער. קיינער פון די ביידע האָט געקענט פאַרשטעהן, פון וואַנען דאָס נעמט זיך, און קיינער פון ביידע האָט גערעדט אַ וואָרט וועגען די גע־שעהענישען פון דער נאַכט.

אבער גאָט האָט געזעהן און האָט דאָס דאָזיגע אָרט געמאַכט פאַר אַ מקדש פון דער גאַנצער וועלט·

פון חאַליף אמאַר דערצעהלט זיך אַ מעשה נורא׳ וואָס איז אַ קריסטליכע טראַדיציע׳ און וואס מיר דאַרפען דאס מאָל ניט מסופק זיין אין איהר· —

אייטיכ׳ן׳ דער פאַטריאַך פון אַלכסנדריא׳ גיט איבער:

«אָמאַר איז געזעסען מיט סאפראניוס גאנץ אינעװעניג אינ׳ם «קלויסטער פון קבר»׳ איז געקומען זיין תפילה־צייט און אָמאַר האָט געוואָלט מתפלל זיין· «זיי דא מתפלל» זאָגט סאפראניוס· «נישט אָט־אַ־דאָ» האָט געענטפערט אָמאַר· סאפראניוס האט איהם אַריינגעפיהרט אין דער באַזיליקע און האָט דאָרטען אויסגעשפרייט אַ טעפיך פאַר אָמאַר׳ וואו ער זאָל מתפלל זיין· און ווען ער



וויא דאלאראזא׳ א גאס אין ירושלים·

האָט דא אויך נישט געוואָלט מתפלל זיין, האָט איהם דער פּאַטריאַך אַרויס־געפיהרט צו די טרעפּ ביים אַריינגאַנג פון קאָנסטאַנטינס קלויסטער. דאָ האָט אָמאַר אַליין מתפלל געוועזן. דערנאָך האָט ער געפרעגט: «דו ווייסט, פארוואָס כ'האָב נישט געוואָלט מתפלל זיין אינעווייניג אין קלויסטער?» און סאָפראָניוס האָט געענטפערט: «ווי קאָן איך דאס וויסען?» זאָגט אָמאַר: «אויב איך זאָל געווען מתפלל זיין אין דעם קלויסטער, וואָלט עס פאַר אייך פאַרפאַלען געווארען. נאָך מיין טויט וואָלטען עס די מאמינים צוגענומען ביי אייך, וואָרום זיי וואָלטען באַלד געזאָגט: «דאָ האָט אָמאַר מתפלל געוועזן».

אויב מען פאַרגלייכט צו דעם די סכסוכים פון די קריסטליכע סעקטעס צווישען זיך, וועגען דער ירושה פון די הייליגע מקומות — אויב מען דערמאַנט זיך אין אַלע אכזריות, וואָס זענען אָפּגעטון געוואָרען אינ'ם נאמען פון דער רעליגיע פון ליבשאַפט, און וואָס ווערען נאָך אָפּגעטון, אַקעגען קריסטען, וואס



דער היפּיקוס־טורעם, ירושלים.

האָבען אַן אנדער מיינונג, אַקעגען מחמדאַנער, אקעגען אַזוי גערופענע «עובדי עבודה זרה» און אקעגען יודען, נישט צום קלענסטען, קאָן מען נישט אויסמיידען, ארויסצודרינגען דערפון: דאס קריסטענטום האט נישט רייכער געמאכט ביי די מענשען דעם אוצר פון ליבשאפט און גוטסקייט, און מחמדאַנער, יודען און «היידען» זענען לפּחות פּונקט אַזוי מסוגל צו די גרעסטע מעשים פון מענשליכקייט.

אָמאַר האט דעמאָלט געגעבען דעם פּאַטריאַרך אַ דאקומענט, וואס האָט מבטיח געווען די קריסטען, צו קריגען דאס קלויסטער, און וואס לויט דעם זאָלען די מחדאַנער נאר ביחידות מתפלל זיין ביי די טרעפּ און טאָרען זיך

ניִשט צונויפקלובען דאָרטען׃ — אין בית לחם האָט אָמאַר באַוויזען צו די קריסטען אויך אַזאַ טאָלעראַנץ׃ און האַרון על ראַשיד האָט אפילו צוגעשיקט דעם קיסר קאַרל דעם גרויסען די שליסעל פונ׳ם «הייליגען קבר» און האָט איהם געגעבען רשות׃ ווידער אויפצובויען די קלויסטערס פון ארץ הקדושה׃

אַמאָל האָט כורש מלך פרס געזאגט צו די יודען:

א דעמאנסטראציע אין ירושלים׃

«כל ממלכות הארץ נתן לי ד׳ אלקי השמים והוא פקד עלי לבנות לו בית בירושלם אשר ביהודה: מי בכם מכל עמו יהי׳ אלקיו עמו ויעל» (אלע קיניגרייכען פון דער ערד האָט מיר גאָט געגעבען, גאט פונ׳ם הימעל, און ער האָט מיר געהייסען, צו בויען איהם אַ הויז אין ירושלים, וואָס אין יהודה, ווער ס׳איז צווישען אייך פון זיין גאנץ פאָלק, זאָל זיין גאט זיין מיט איהם און זאָל ער אַרויפגיין).

די דאָזיגע רייד פון כורש מלך פרס, די לעצטע ווערטער פון תנ״ך, וועלען נאָך איינמאָל מקוים ווערען, וואָרט נאָך וואָרט.

(לויט „Inner Jerusalem" פון A. Goodrich-Freer, לאנדאן, 1904, און לויט אנדערע קוועלען.)

ספרדישער קינדער־גארטען מאנטעפיארא אין ירושלים.

ארץ ישראל, דער צענטער פון דער יודישער וועלט.

ס'איז ידוע, אַז די פריהערדיגע יודישע אימיגראַציע קיין ארץ ישראל האט ס'רוב אַריינגעבראַכט אין לאַנד אלטע לייט, וואָס זענען געקומען אָפּ־צולעבען זייער רעשט ביסעל יאָהרען אין ארץ ישראל, צו שטאַרבען דאָ און קומען דאָ צו קבר ישראל.

אַ סך פון זיי האבען לאַנגע יאָהרען צונויפגעלייגט געלד, כדי אויסצו־פיהרען זייער כוונה און דערביי נישט דאַרפען אָנצוקומען צו די נדבות פון אַנדערע — אַנדערע זענען אויך געקומען אָהן געלד און האָבען זיך פאַרלאָזט אויף דער צדקה, וואָס מען קלויבט אין דער גאַנצער יודישער וועלט לטובת יענע יודען, וואָס זענען מתפלל אין ארץ־ישראל פאַר זייערע ברידער.

די דאָזיגע נדבות — «די חלוקה» — קומען פון אַלע לענדער פון דער ערד און באַטרעפען, צוזאַמען מיט די הוצאות פאַר די שפּיטאָלען און אַנדערע אינסטיטוטען, עטליכע מיליאָן פראַנקען אַ יאָהר. דאָס זעהט אויס ווי אַ גרויסער סכום, אָבער אויב מען באַטראַכט זיך נאָר, אַז אַן ערך פערציג־ביז פופציג טויזענד יודען מוזען אָנקומען צו דעם דאָזיגען געלד — איז דאָס נאָך אַלץ נישט גענוג, כדי צו העלפען די מוראדיג אָרעמע איינוואוינער פון די הייליגע שטעדט ירושלים, חברון, טבריא און צפת אין זייער דחקות.

אין דער מאָס, ווי די אימיגראַציע פון יונגע מענשען, וואָס קאָנען אַרבייטען, פאַרגרעסערט זיך, פאַרגרעסערט זיך אויך אין לאַנד די מעגליכקייט צו אַרבייטען, און דאס חלוקה־עלעמענט איז שוין נישט דאָס כמעט איינציג וויכטיגע, אַזוי ווי פריהער, נאָר פּאָרט איז נאָך אַלץ נייטיג, אַז די גלות־לענדער זאָלען זיך זאָרגען וועגען די אַלטע און שוואַכע, און ס'איז טאַקע אַ יושר, אַז מען גיט זיך נאָך מעהר אָפּ ווי פריהער מיט'ן זאַמלען דאָס געלד, וואָרום ארץ ישראל ווערט אלץ מעהר און מעהר דאָס שפּיטאָל, דער מושב זקנים, דער הקדש פון דעם גאַנצען יודישען פאָלק, ס'איז דער מקום מקלט, וואו די שוואַכע און געפּלאָגטע פון אַלע עקען פון דער וועלט קומען אַהין, די נייע יודישע ענטוויקלונג פונ'ם לאַנד, וואס הייבט זיך איצט ערשט אָן, איז נאָך צו יונג, זי זאָל שוין קאָנען איבערנעמען התחייבותען, וואָס פאַלען על פּי יושר טאַקע אויף די יודען פון די לענדער, וואָס שיקען זייערע אלטע, שוואַכע און קראַנקע קיין ארץ־ישראל.

אין ירושלים זענען פאַראַן פיר יודישע שפּיטאָלען, וואָס האָבען אָבער ווייט נישט גענוג מיטלען, כדי אויפצוטון דאָס, וואָס מען וואָלט באַדאַרפט צו טון, אַחוץ עטליכע קלענערע מושב־זקנים'ס איז פאַראַן דאָס גרויסע «מושב זקנים», וואו עס וואוינען העכער דרייהונדערט זקנים און זקנות. דאָס מענער־הויז, וואָס ליגט העט ווייט אין דער יפו־פירשטאָדט, איז שעהן און גרויה געבויט. אָבער די ווייבערשע היים זעהט אויס אַזוי, אַז מען דאַרף שוין האָבען אַ גוטע ידיעה פונ'ם לעבען פון די אָרימע יודישע איינוואוינער פון ארץ־ישראל, כדי צו פאַרשטעהן, אַז דאָס, וואָס זיי קריגען, איז שוין אויך אַ גרויסע טובה פאַר

די ווייבער· — ס׳איז דאָ אַ פּלאַן· אויף די ערטער אין די פירשטעדט· וואו ס׳איז נאָך דאָ גענוג אָרט· אויפצושטעלען עטליכע הייזער און דירות פאַר די ווייבער אָבער דאס קאָסט ווידער געלד· און אין דעם איז דאָ אַ גרויסער דוחק לעת־עתּה עס קלעקט נישט די גרייס פון די מושב־זקנים׳ס· מען זאָל כאטש קאנען אָפּ־געבען זיך מיט אַ העלפט פון די וויכטיגסטע פאַלען· און ס׳וואָלט געווען אַן אמתע ברכה· אויב די דאָזיגע אינסטיטוטען וואָלטען געהאַט אַ מעגליכקייט· צו פאַרגרעסערען זייער אַרבייט· דאָס מושב־זקנים אין דער פירשטאָדט איז א מין גן־עדן פאַר זיינע איינוואוינער· שעהנע נייע הייזער· גרויסע גערטנער· אַ ביבליא־טעק און דריי שולען! — ווער ס׳וויל געהען אין שטאָדט· געהט אין שטאָדט —



יד אבשלום, אינ׳ם טאל פון קדרון.

ווער ס׳וויל בעסער בלייבען אין דער היים׳ דער געפינט אין די ד׳ אמות פון דעם אינסטיטוט אַלצדינג׳ וואָס מען דאַרף האָבען צום לעבען׳

אבער נישט נאָר די שפּיטאָלען און מושב־זקנים׳ס פון ירושלים און די אַנדערע שטעדט מאַכען ארץ ישראל פאַר אַ מקום מקלט און פאַר א צענטער פונ׳ם כלל ישראל׳ אַצינד בויט מען שוין אויך שולעס׳ צו וועלכע מען ברענגט תלמידים פון די ווייטסטע לענדער׳ ס׳רוב זענען דאס קינדער פון לייט׳ וואס ווילען שפּעטער אַליין קומען קיין ארץ־ישראל׳ אבער אויב מען וועט איצט באַלד עפענען אין ארץ ישראל די געפּלאַנטע טעכנישע הויך־שולע און דערצו שפּעטער אפשר אויך די לאַנג פּראיעקטירטע אוניווערסיטעט אָדער אַ הויך־שולע פאַר חכמת ישראל׳ וועט ארץ ישראל האָבען צו דער צייט פּונקט אַזאַ צוציהונג פאַר די יודישע סטודענטען׳ ווי היינט געוויסע אוניווערסיטעט־שטעדט פון

הערצל־גאס אין תל אביב מיט דער העברעאישער גימנאזיע׳

דייטשלאַנד אָדער פון דער שווייץ׳ און אפשר נאָך מעהר׳ וואָרום אין די יודישע הויך־שולעס פון ארץ ישראל וועט מען דעם יודישען סטודענט נישט נאָר סובל זיין אָדער מיט גאוה אָנקוקען ווי היינט אפילו אויף די בעסטע הויך־שולעס פון אייראָפּע׳ און אין מזרח וועט איהם אויך נישט אַזוי שווער זיין׳ נאָכ׳ן פאַר־ענדיגען פון זיינע סטודיעס׳ צו געפינען אַ פּאָסטען׳

בפרט פאַר׳ן יודישען טעכניקער וועט אָפען זיין דער גאַנצער מזרח׳ וואס כאַפּט זיך אצינד אויף פון הונדערטער יאהרען שלאָפען און זוכט אַלץ גיכער אנצויאגען די לענדער פון אייראָפּע׳ נאָר אויך דאָקטוירים׳ אַדוואָקאַטען און לעהרערס, וואָס וועלען אַרויסקומען פון אַ הויך־שולע׳ וואס איז באַשאַפען פאַר׳ן מזרח (מיט די געהעריגע ידיעות פון לשון און לאַנד)׳ וועלען אַ סך גרינגער

געפינען אַ פרנסה אין די דאָזיגע לענדער ווי זייערע יודישע חברים אין דעם קריסטליכען מערב.

הויך־שולעס און צדקה־אינסטיטוטען ווערען ביז איצט ס׳רוב אויסגע־האַלטען פון מלוכות און שטעדט, וואו זיי געפונען זיך און ווען זיי דינען — נאָר אָבער ווער וועט אויסהאַלטען אַזוינע יודישע אינסטיטוטען אין ארץ ישראל? — מיר דאַכט זיך, ווייל זיי דינען דעם יודישען כלל, דאַרף דער כלל ישראל בלי ספק צושטייער געבען דערצו.

אויב מיר האבען דאס אויסגעדרונגען, קאנען מיר נאָך ווייטער געהן אַ שטיקעל, און דאס איז מכּח די יודישע יתומים. — אין די לענדער פון דריקונג, וואו קיינער האָפט נישט, ס׳זאָל עפּעס זיין אַ יודישער עתיד, בויעט מען פון דעסטוועגען בתי יתומים און האַלט זיי אויס, וואו מען לערענט אויס די יודישע



דאס יודישע טעכניקום אין חיפה, געזעהן פונ׳ם כרמל.

יתומים פון רוסלאַנד און רומעניען רוסיש און רומעניש, רוסישע און רומענישע היסטאָריע, רוסישען און רומענישען פּאַטריאָטיזם, וואו מען גרייט זיי צו צו דעם אידעאַל, צו דינען אַמאָל זייער פאטערלאַנד אינ׳ם רוסישען אָדער אינ׳ם רומע־נישען חייל, וכדו׳ — וואס טויג דאס אונז? וואָלט נישט בעסער געווען, מיר זאָלען כאָטש אַרויסנעהמען די דערציהונג פון די לענדער פון יודישען יאוש און אַריינבערענגען זי אין אַ לאַנד פון י ו ד י ש ע ן ע ת י ד?

פאַרשטעהט זיך, דאס וועט נישט מעגליך שטענדיג און אומעדום. אַ סך קינדער געהט עס בעסער דאָרטען, וואו כאָטש די קרובים און גוטע פריינד זענען זיי נאָהנט און קאָנען זיי העלפען, אבער זעהער אָפט איז דאָך נישטאָ אַזוינס אויך — וואו נאָר דאס, וואס אַ קינד איז על פּי מקרה ערגעץ געבוירען געווארען, און

כדומה, האַלט.עס אויף אַן אָרט, וואו זיין דערציהונג מוז אין העכערען זינען זיין ניט־יודיש און ס׳וועט מוזען זיכער אויסוואַקסען צו צרות און נויט.

פאַר אַלע אַזוינע פאַלען וואָלט נייטיג געווען און ס׳וואָלט זיך געלאָזט אויספיהרען, צו בויען אין ארץ ישראל אַ בית יתומים פאַר כלל ישראל, וואו די קינדער וואָלטען דערצויגען געווארען נישט קליינע האַלבע רוסען, האַלבע רומע־נער, אא״וו, נאָר גאַנצע יודען — יודיש לויט לשון, היסטאָריע, פאַטריאָטיזם, מיט אַ גאַנצען חלק אינ׳ם יודישען עתיד.

די הוצאות פון אַזאַ זאַך וואָלטען געווען זעהר קליינע — מען דערציהט דאָך שוין איצט אויך די דאזיגע קינדער און אפילו אין אַזוינע פאַרהעלטענישען, וואו די דערציהונג איז לא די, וואס זי איז וועניגער פראַקטיש בנוגע צום עתיד, נאָר אפילו אויך אַ סך טייערער.



די זומער־בימה אויפ׳ן ארט פונ׳ם בית המקדש.

אַזאַ ענטוויקלונג פון יתומים־דערציהונג וועט אין איין צייט אויך האבען ווייטער פעולות. א אין דער זעלביגער מאָס, וואו דאס וועט ווערען ממשות, וועלען אויך וועלען אַ סך טאַטע־מאַמעס אָפרוימען פאַר זייערע קינדער די פאַרשי־דענערליי שוועריגקייטען און מניעות, וואס שטערען נישט די יתומים אין ארץ ישראל, און זיי וועלען געפינען מיטלען און וועגען, צו שיקען פריהער זייערע קינדערלעך אין דעם נייעם לאַנד, וואו זיי וועלען שפעטער נאָכקומען, — אַזוי וואָלט דאס לאַנד פון זייערע אבות פאַר זיי אויך געווארען דאס לאַנד פון זייערע קינדער און זייער אייגען לאַנד.

מיט די אַלע ענטוויקלונגען — פאקטישע און געטראַכטע—קומט ארץ ישראל אַלץ מעהר און מעהר אַריין אינ׳ם צענטער פון יודישען באוואוסטזיין, און אַזוי

ווערט עס אַלץ מעהר נישט נאָר דאָס לאַנד פון אונזערע האָפענונגען וועגען עתיד, נאָר אויך דאס לאַנד, מיט וועלכען אונזער אַרבייט דאַרף זיך אָפּגעבען אַלץ מעהר און מעהר.



די מיטעל־שולע (רעאל־שולע) פונ'ם יודישען טעכניקום אין חיפה.

די קליינע יודי. קאלאניע ביתניא,ביים ים־כנרת, פאטאגראפירט פון א עראפלאן.

ביים קבר פון דוד המלך

צוריק מיט יאהרען בין איך אַמאָל געווען ביים קבר פון דוד המלך, אין ירושלים. ס'איז געווען שבועות, און אַ סך יודען זענען געקומען, אויך צו זעהן דאס קבר. — עטליכע האבען מיר געזאָגט, אַז די מחמדאַנער לאָזען נאָר זעלטען אַריין, אנצוקוקען עס, — אַנדערע האבען געזאגט, דער היינטיגער טאג האט מעהר נישט אַ מעלה, אַז מ'ען נעמט היינט נישט קיין געלד פאַר'ן אַריינגעהן, אבער די פּאָר גרייצערס, וואס מען פארלאַנגט, זענען פאַר די אָרימע אַיינוואוינער פון ירושלים אַזוי גוט ווי אַ פאַרוועהרעניש.

לאָז זיין, ווי ס'איז, אינ'ם שלאָס און אין פירהויז פונ'ם קבר האט זיך געפּאַקט דער עולם, און אויף דעם שמאָלען טרעפּעלע, וואס האט אויף דער איינער וואַנד פון זאַל אַרויפגעפיהרט אין דער אויבערער שטוב, איז מען געשטאַנען צוגע־קוועטשט איינער צום אַנדערען, ביז דער זעלנער, וואס איז אויבען געשטאַנען, האט ווידער אַריינגעלאָזט אַ פּאָר מענשען. אויבען אין שטוב איז נאָהנט צו די טרעפּ אַ פענסטערל מיט גראַטעס, וואו מען קאָן אַריינקוקען אין אַן אַנדער שטוב. דאָרטען שטעהט זעהר אַ גרויסער ארון, פאַרהאַנגען מיט טיכער, אויף וועלכע ס'גע־פינען זיך שטיקערייען אויפ'ן אַראַבישען אופן. דער ארון אינ'ם דאָזיגען אויבער־שטען חדר איז נאָר אַ נאָכגעמאַכטער נאָך דעם ארון, וואס שטעהט אויפ'ן זעלביגען אָרט טיף אונטער'ן שלאָס אין אַ שטיין־חדר, וואו די מחמדאַנער היטען איהם מיט גרויס אפשיי און לאָזען קיינעם ניט צו. אבער דאס פּאָלק קאָן נאָר דעם ארון פון אויבען און זאגט: דאס איז דאס קבר פון דוד המלך.

אַ וויזיט ביים קבר הייסט, אַז מען מעג אַ קוק טון דורך די גראַטעס אויפ'ן ארון. אַ טערקישע מיליטערישע וואַך האט אכטונג געגעבען, אַז קיינער זאָל נישט צו לאַנג פאַרשטעלען דאס אָרט פאַר די גראַטעס. וואָרום אַ סך האבען געוואָלט קוקען, נאָר ווער עס האט געוואָלט, האט נאָך געמעגט אַ ביסעל בלייבען אין שטוב און — קוקענדיג אויף די גראַטעס — מתפלל זיין. — אַזוי האבען טאַקע געטון אַ סך מענשען.

איך האב דאָרטען געזעהן אַן אַלטע יודענע, אַ הויכע, אַ וואונדערליך שעהנער יודישער טיפּ. זי האט זיך גאָרנישט געקענט שיידען מיט די גראַטעס. טרעהרען זענען געקומען פון איהרע אויגען, זי האט אַלץ אַריינגעקוקט, געכליפּעט און מתפלל געווען, אַלצדינג אין איין צייט. זי איז גאשטאַנען מיט אויפגעהויבענע הענד, האט אָנגעריהרט מיט די פינגער אין די אויגען, און געקושט די פינגער, וואס האבען אָנגעריהרט די אויגען, וואס האבען געזעהן דאס קבר פון דוד המלך.

איך האב נאָך קיינמאל ניט געזעהן קיין אבלות, וואס זאָל אַזוי כאַפּען ביים האַרצען. דאס איז ניט געווען קיין אבלות נאָך אַ פאָלקס־העלד, וואס איז שוין טויט און אין קבר דריי טויזענד יאהר — דאס איז געווען אַ מין אבלות נאָך אַ קיניג־ליכען טאַטען, אַ מין הספד אויף אַ קיניגליכען זוהן, וואס איז נאָר וואס געשטאָרבען.

ביים אַרויסגאַנג פון פירהויז האב איך נאָך אַמאָל געזעהן די יודענע. אַרי־בערגעהענדיג דעם שוועל האט זי זיך נאָך איינמאָל אויסגעדרעהט צוריק און אויפ־געהויבען די הענד און אָנגעריהרט די אויגען און געקושט די פינגער. זי האט

ניט געהאט קיין איין קוק פאר׳ן וועג און פאר׳ן עולם׳ וואס צווישען איהר און דעם קבר — פונקט אזוי ווי ווייניג פאַר די טויזענטער יאהרען׳ וואס צווישען איהר און דעם׳ וועגען וועמען זי טרויערט מיט אַזאַ ברענענדיג אבילות׳

כ׳האב אָפט געמוזט טראַכטען וועגען דער דאָזיגער סצענע׳ זי דערמאַנט אין דעם שייכות פון אונזער פאלק צו זיינע צווייטסטע אברים׳ צו זיין ווייטסטער היסטאָריע — אַ שייכות׳ וואס איז גובר רוים און צייט׳ — און אפשר מעג מען נאָך זאגען אַן אנדער פירוש אויף דעם אבילות פון יענער יודענע: זי האט ניט געוויינט אויף דעם טויטען מלך׳ זי האט געוויינט אויף זיך אליין און אויף די קינדער איהרע—געדענקענדיג די אמאָליגע גדולה׳ דאס אמאָליגע שעהנקייט׳ וואס ווערט אַרויסגערופען מיט׳ן נאָמען פון דוד המלך׳ — — —



קבר דוד אויפ׳ן הר־ציון׳

דאס «אבסערוואטאריום»·

מיט אַ פאר יאהר צוריק איז אַ יוד געקומען פון אַמעריקע קיין ירושלים· ער האט זיך גוט נאכגעפרעגט· ביי אַלע מעגליכע מענשען׳ וואו ס׳איז דאס העכסטע אָרט אין שטאָדט· לסוף האט ער אויפ׳ן פאסיגסטען אָרט געקויפט די ערד און אָנגעהויבען צו בויען· צווישען קליינע שטיין־באַראַקען מיט נאָר איין גאָרען׳ האט ער געבויט אַ צווייטען גאָרען און אַ דריטען גאָרען׳ און דערצו נאָך אַ הילצערנעם טורעם פון צוויי גאָרענס· אין איינעם פון די אונטערשטע גאָרענס אַרבייט ער· ער איז א שניידער· זיין שילד זעהט אויס זעהר אַמעריקאַניש׳ און ס׳שטעהט אָנגעשריבען: ש· לוי׳ אַמעריקאן טעילאר· איבער דעם נאמען איזגעמאָלען די אַמעריקאַנישע פאָהן׳ רעכטס און לינקס אויפ׳ן שילד זענען צוויי מאדעבילדער — אַ הער אין אַ קורץ רעקעל און איינער מיט א מאַנטעל — גאַנץ ווי אין אַ געסעל אין יודישען קוואַרטאַל פון ניו יאָרק· אבער יעדען אין דער פריה׳ וואס גאָט שיקט אויף דער וועלט׳ געהט ש· לוי׳ אַמעריקאַן טעילאר׳ לאָזט איבער דאס גאַנצע שניידערישקייט׳ קריכט ארויף אין זיין הילצערנעם טורעם׳ וואס ער האט



דאס ״אבסערוואטאריום״ אין ירושלים·

געבויט מיט די שווער פאַרדינטע גראָשענס, ווייל ער וויל זיין דער ערשטער אינ'ם הייליגען ירושלים, וואס זעהט, ווי די זון געהט אויף, און קאָן תיכף אָנ־הייבען צו דאַווענען.

שלעכטע מענשען, וואס ס'איז אויך אין ירושלים פאַראַן גענוג, זאגען מיט אַ חוזק: דאס «אָבסערוואַטאָריום».

דאס כותל מערבי.

מיין גאָר ערשטער וויזיט אין ירושלים האט נאָר געקענט זיין קורץ, און ווייל כ'האב נישט געוואָלט אַוועקפאָהרען און נישט זעהן דאס כותל מערבי, האב



דאס ארט פונ'ם בית־המקדש און דאס כותל מערבי.

איך תיכף נאָכ'ן אנקומען נאכגעפרעגט מיך אין האָטעל, וואו דאס איז, און בין נאָך פאַרנאַכט אַהינגעגאַנגען.

מען האט מיך מזהיר געווען וועגען די ארעמע לייט, וואס זענען דאָרטען, און אַזוי האב איך מיר על כל פנים מיטגענומען אַ ביסעל מינץ. נאָך אַ ביסעל פרעגען בין איך געקומען אין דער גאַס, וואס געט צום כותל מערבי, כ'האב אויך געזעהן אַ שטיקעל פונ'ם אַלטען בנין מיט אַ פּאָר מתפללים. נאר קוים האב איך מיך דערנעהנטערט אַ ביסעל, און האב געוואָלט אָנהויבען ארומצוקוקען מיך, איז איינער ארויסגעגאנגען פון דער עדה, צוגעגאַנגען צו מיר, אַרויסגענומען פון די פאַלדען פון זיין מאַנטעל אַ פושקע און צוגערוקט זיך צו מיר. דערביי איז ער

רוהיג ווייטער מתפלל׳ כ׳האב אויך געוואָלט רוהיג ווייטער געהען׳ אבער ערש־
טענס האט ער מיר פאַרשטעלט דעם וועג און צווייטענס האט אַ פּושקע געהאַט
און מיינע אויגען אַ פּנים פאַר אַ סימבאָל פון אָפּיציעל און לעגאַל צונויפקלויבען׳
איין רגע האב איך אפילו געטראַכט׳ אז דער יוד מיט דער פּושקע איז אפשר אַ
שומר פון אָרדענונג און ריינליכקייט אויפן דאָזיגען אָרט אדער כּדומה׳ אַ
כּלל׳ כ׳האב איהם געגעבען און געמיינט׳ אונטער זיין השגחה וועל איך מיך
רוהיג קאָנען אומקוקען׳ — — — נאָר קוים האט דאס געלד אַ קלאַפּ געטון אין
זיין פּושקע׳ האבען זיך שוין גלייך אויסגעדרעהט אַלע מתפּללים ביי דער וואַנד
זענען צוגעגאַנגען צו מיר און האבען אויך ארויסדערטאַפּט אַזוינע פּושקעס פון
די פאַלדען פון זייער קאַפּאָטע׳ דערביי האבען אַלע ווייטער מתפּלל גע־
ווען אזוי ווי דער ערשטער׳ — כּדי מיך דורכצוורייסען דורך דער וואַנד פון פּוש־
קעס׳ האב איך צוטיילט מיין מינץ׳ און האב געוואָלט אַנטרונען ווערען דורך דעם

דער קינדער־גאָרטען מזכּרת משה׳ אין ירושלים.

לאָך׳ וואס כ׳האב אויף אַזאַ אופן דורכגעבראָכען — אבער אונטער דער ערשטע
שורה איז שוין אויסגעוואַקסן אַ צווייטע׳ און ווען כ׳האב מיר געבראָכען מיין
וועג דורך איהר׳ זענען נאָך אַרויסגעקומען פון אַלע ווינקעל קאַליעקעס׳ קראַנקע
און זקנים׳ וואס כ׳וואָלט בעסער זיי געוועז געוואָלט עפּעס געבען׳ אבער כ׳האב
שוין מעהר גאָרנישט געהאַט — איך האב געמוזט אַנטלויפען׳ גאָרניט זעהענדיג
דאס כּותל מערבי.

מיט אַ פּאָר יאהר שפּעטער׳ ווען איך בין דאס צווייטע מאל אַהער געקו־
מען׳ האב איך מיך שוין מעהר געהיט. איך האב אויסגעקליבען אַ יום־טוב׳ וואו
די צאָהל מתפּללים איז אַ סך גרעסער און וואו מען קאָן ניט בעטלען׳ — אויף
דעם וועג דורך דעם באַזאַר בין איך געגאַנגען אַ שטיקעל נאָך דעם אונטערגע־
סעל׳ וואס געהט צום כּותל׳ וואו כ׳האב באַגעגענט איינעם פון דייטשלאַנד׳ מיט

װעלכען כ׳האָב מיך באַקענט צוריק מיט אַ פּאָר טאָג. ער איז איינער פון יענע טיפען, װאָס ס׳זענען זעהר אַ סך אַזוינע אין ירושלים, װאָס בײַ זײ פאַרקעהרט זיך די רעליגיע צו שטאַרק אין מיסטיק. איך װײס ניט אַקוראַט, צי ער האַלט זיך פאַר משיח צי פאַר אלי׳ הנביא, אבער על כל פנים זענען בײַ איהם אַזוינע מיני רעיונות. — מײַן משיחישער באַקענטער פרעגט מיך, װאו איך געה. איך זאָג איהם «צום כותל מערבי», ענטפערט ער מיר געװײנטליך: «הערט נאָר, אײַער װעג איז נישט דער רעכטער, איך װעל אײַך פיהרען». און דאָס האָט ער געזאָגט אַזוי פאַטעטיש, װי ער װאָלט געטראָפען מײַן נשמה ניט אויפ׳ן רעכטען װעג צום הימעל.

אבער צום כותל מערבי האָט ער געװאוסט דעם װעג. דאָרטען איז דער גאַנצער װעג, װאָס פיהרט בײַ דער װאַנד, אַזוי געפּאַקט מיט דאַװענערס, אַז מען



דאָס קבר רחל בײַם װעג קײַן בית לחם.

קאָן זיך קוים דורכשטופּען. דאָרטען זענען געװען יודען פון כל המינים. פרענקען און פּױלישע, תימנים און באָכאַראַר, קורדישע און מאַראָקאַנער, פון מצרים און פרס. ס׳איז דאָך געװען שבועות, און נאָך הײַנט — אָדער אפשר דוקא הײַנט װידער מעהר װי װען ס׳איז געװען זינט׳ן חורבן — קומען יודען פון אַלע פיר עקען פון דער װעלט אויף שלש רגלים קײַן ירושלים. פון די אלע פאַרבענרײַכע מלבושים זענען די פון די חסידים מיט זײערע סאַמעט־קאַפּאָטעס, װאָס זענען לאַנג און הײבען זיך אין װינד, די פאַרביגסטע און משונהדיגסטע. מיט זײער לײַכטענדיג בלאָהע אָדער גאָלדען געל אָדער פּורפּור רויט, און מיט זײערע

ברייטע שטריימלעך און די פּאות ביז צו די פּלייצעס — אַ מאָדנער טיפּ! אין יפו, אין זומער, קאָן מען זיך «נעהנטער» צוקוקען צו זיי, אַז זיי קומען פון ירושלים, צו באָדען אַ פּאָר וואָכען אין ים. ס׳רוב הויכע, ברוסט אין פּלייצעס פלאַכער, ווי מען קאָן עס זעהן אין ערגעץ, האַלז און קאָפּ ס׳רוב אַ ביסעל געבויגען — בלאַסע שאַרפע, אָבער זעהר שיינע צורות. כ׳האָב געזעהן יונגע לייט, וואס זייער פּראָפיל מיט די פּאות דערמאָנט זעהר אין די בילדער פונ׳ם יונגען דירער. — —

דא ביים כותל איז אַלץ געווען פאַרטיפט אין דאַווענען. מען איז געשטאַנען אין קופּעס, וואס יעדערע האט זיך געהאַט איהר בעל־תפילה, און פון דעם הויכען ראַוועגען, וואס האט זיך דא געהויבען און דא ווידער געלאשען זיך, האט אָפּגעהילכט דאס ענגע אָרט. דורך דעם ענגקייט פונ׳ם אָרט ווייזען זיך די רעש־



א בויגען אויפ׳ן ארט פונ׳ם בית־המקדש.

טען פון דער וואַנד אויס נאָך ריזיגער, און דערבײַ איז דאָך נאָר אַ טייל פון דער וואַנד איבערן פלאַך פון דער היינטיגער גאַס.

מיין משיחישער באַקענטער האט זיך גענודעט, צוקוקענדיג צו דעם התלהבות פון דער תפילה פון דעם פאַרבענרייכען קהל — זיינע מחשבות וועגען דער גאולה זענען אַפּנים געווען גאַנץ אַנדערע, עפּעס דערפון האט ער אויך געגעבען צו פאַרשטעהן, ווען מיר זענען ווייטער געגאַנגען. שפּעטער האָב איך איהם געזעהן אויף אַ ציונוסטישען קאָנגרעס, וואו ער האט צוטיילט אויף דער גאַלערייע משיחישע צירקולאַרען, וואו זיין דורכשרייבען זיך מיט עטליכע מלכים פון דער ערד (דאם הייסט — ער האט געשריבען, אויב כ׳האָב קיין טעות ניט) האט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע, — פון דענסטמאל האָב איך איהם שוין מעהר נישט

געזעהן און כ׳בין מיך משער, אז ער איז אוועק פון ירושלים אויף אַ לענגערער צייט, אבער איך רעכ׳ן, אז ער וועט זיך ווידער אומקעהרען. מען קאן נישט פאַרבייטען אַ בערלינער גאַס מיט דער באָכאַרער־פירשטאָדט פון ירושלים, כדי מען זאָל לסוף פאַרשוואונדען ווערען אינ׳ם ניט־אינטערעסאַנטען ערגעץ.

געוועהנטליך זענען אויך געוועזן טוריסטען ביים כותל מערבי; כאָטש נישט אַזוי פיל, וויפיל אַן אַנדער מאָל אין דער צייט פון יאהר, וואָרום ס׳איז געוועזן זונטאג אין דער פריה, און אַ בעל־בתּישער טוריסט פון קוק גייט זיך אין קלוי־סטער אַריין (און טאַקע נישט אין איינעם פון די הייליגע קלויסטערס פון ירושלים, נאָר אין דער אינגליש טשוירטש).

אַמאָל האב איך געזעהן, ווי שבת־צו־נאַכטס ביים עסען אין דעם (יודישען) האָטעל פון קאַמיניץ האט אַ מענעדזשער פון אַ קוקשער נסיעה־קאָמפּאניע געגע־



דער מארק אין בית לחם.

בען אַ קלאַפּ אין זיין גלאַז, גלייך ער וויל אָנהויבען צו זאגען אַ טאָסט, און האט מכריז ומודיע געווען, אַז מאָרגען אין דער און דער שעה, אין דעם און דעם קלויסטער וועט דער רעווערענד פלוני אלמוני האַלטען אַ דרשה. אַלע האבען פאַרשטעהט זיך מיט גרויס אָפּשיי אויפגעהערט צו עסען און האבען זיך באַשיימ־פערליך איינגעחזרט די אנגעזאָגטע ידיעות. קיינער איז אבער נישט אַזוי גע־ווען פאַראינטערעסירט מיט דעם דאָזיגען געלעגענהייט, צו הערען גאָטס וואָרט אין ירושלים, ווי דאס ווייב פון אַן אויסטראַלישען «ראבינער», אַ גלוח, וואס האט זיך שטאַרק צורעדט מיט איהר מאַן, ווי אזוי מען קאן אָפּשפּאָרען צייט און געהן צו יענער דרשה.

די טוריסטען זענען מאָדנע מענשען, און פאַרשטעהט זיך, ס׳מוזען זיך

מאַכען משונהדיגע הפוכים, אז זיי שטויסען זיך צונויף מיט די משונהדיגקייטען פונ׳ם מזרח: — «די טוריסטען און דאס כותל מערבי» וואלט איך אָנגערופען אַ קאַפּיטעל, וואס כ׳געפין אין «אואינטער־פּילגרימעדזש» פון ה׳ ראַידער־האַגאַרד; כאָטש דאָרטען זענען אויך דא אינטערעסאנטע ווערטער וועגען דעם ענין יודיש־קייט פון דער זאַך; — דאָרטען שטעהט: «מיט׳ן פּנים צו דער וואַנד זענען דא געשטאַנען עטליכע צוואַנציג יודען און יודענעס פון אלע פארשידענע יאהרען און האבען «געקלאָגט»; די ווייבער האבען באמת געוויינט, נאָר צומאָל אופהע־רענדיג אַ ביסעל, אבער די מענער, די משונהדיגסטע עדה מענשען וואס כ׳האב ווען ס׳איז געזעהן — האבען נישט אזוי אָפען ארויסגעוויזען זייערע געפיהלען זיי האבען געריבען זייערע פנימער אין די ריזיגע שטיינער, האבען זיי פון צייט צו צייט אַ קוש געטון, לייענענדיג אין תנ״ך אָדער דאַווענענדיג; בפרט האט צו־



די שטיינער פאר יפו

געצויגען מיין אינטערעס אַ הויכער בלייכער יוד; זיין מלבוש האט געהאַט אַ פנים פון א ברודיגען נאכט־מאַנטעל, אויפן קאָפּ האט ער געהאַט אַ פעט־גלאנצענ־דיג פוטערען מיצעל; ער האט באמת אַריינגעשטופּט זיין נאָז אין אַ שפּאלט פון דער וואַנד, בשעת ער האט דעם גוף שטענדיג געשאָקעלט אַהין און צוריק — ווי אַ שפּעכט אויף אַ בוים, האט ער פשוט געפּיקט אין דעם שפּאַלט. אין דערביי כסדר געדאַווענט מיט גרויס היץ; — ווען מיר זענען געקומען האבען מיר איהם געטראָפען אַזוי, און ער איז נאָך נישט געווען פאַרטיג, ווען מיר זענען אַוועק־געגאַנגען; גאָרנישט האט איהם געקענט שטערען; אַפילו ווען אַ טוריסט איז צוגעגאנגען צו איהם, האט איהם דעם פאָטאָגראפישען אַפּאראַט געהאַלטען ווי אַ פּיסטויל צום קאָפּ, האט אַ רוק געטון, און צוריקגעגאנגען מיט אַ זאָג «דעם

האָבען מיר אַראָפּגעכאַפּט!»׳ אפילו אַצינד האט ער אויך ניט אַרויסגעוויזען קיין חידוש אָדער כּעס׳

מען באַשרייבט אָפּט די סצענע ביים כּותל מערבי׳ אז זי איז אַ ריהרענ־דיגע׳ איך האָב געהאַט דאס געפיהל׳ אַז זי איז גראָטעסק און ברענגט צו עצבות ווען כ׳האב געזעהן די דאָזיגע יודען׳ וואס אַ סך פון זיי׳ דערצעהלט מען מיר׳ לעבען פון צדקה׳ האט זיך פאָרגעשטעלט אין מיין פּראַקטיש מערבדיגען שכל דאס אַלטע ווערטעל: «העלף דיר אַליין׳ וועט דיר גאָט העלפען»׳ אַז עס דאַכט זיך זיי אַ נימוס׳ מתפלל צו זיין פאַר אַלעמענס אויגען׳ לאָזען זיי עס טון׳ אבער זיי וואָלטען זיכער אַחוץ דעם נאָך געקענט פּרווען אַנדערע׳ מעהר פּראַקטישע מיטלען׳ כּדי ווידער צו קריגען זייער אַלטע היים׳ למשל וואָלטען זיי געקענט משפּיע זיין אויף זייערע רייכע אמונה־ברידער׳ אויסצוקויפען דעם טערקי׳ אויף



יבנה (היינט יעבנא׳)

דער לאַנדאנער בערזע זענען פאראן אַ טוץ מענער׳ וואס עס וואָלט זיי נישט פאַרשאַפט קיין גרויסע פערזענליכע שוועריגקייטען׳ דאס אויסצופיהרען׳ פאַר־וואָס זאָל דער יודישער כּלל נישט מקריב זיין צוליב דעם דאָזיגען צוועק אַ טייל פון זיין עשירות׳ וואס טייל יודען פאַרמאָגען אַזוי פיל — דאס איז אוודאי נאָר אַ זאַך פון מקרה׳ אבער אין אַזאַ ענין וואָלט געלד נישט געטאָרט שפּילען קיין ראָליע»׳

אויב דער פּראַקטישער ראַידער האַגאַרד מיינט׳ אַז ס׳איז אַזוי לייכט׳ «צו קויפען ארץ ישראל»׳ האט ער פאַרשטעהט זיך אַ גרויסען טעות׳ נישט ארץ ישראל איז אַזוי קליין׳ נישט מען קאָן עס «קויפען»׳ אויב דאס וואָלט געווען אַזוי׳ וואָלטען די קריסטליכע קירכען׳ וואס זענען אַ סך בעסער אָרגאַניזירט און

אויך אַ סך רייכער פון די יודען, שוין לאַנג געווען «געמאַכט דאס געשעפט», און אויך דער יודישער כלל איז ווייט נישט אזוי רייך און אַזוי «אחדותדיג», אַז די יודען זאָלען קאָנען — אפילו אַז זיי ווילען — פשוט «משפיע זיין» אויף זייערע רויטשילדס, בלייכרעדערס אא״וו «צו קויפען ארץ ישראל».

אבער אַ טייל פון לאַנד וואָלט מען טאַקע יא געקענט קויפען און אויך וואָלט דאס געלד געקענט העלפען אויפצובויען דאס לאַנד מיט יודישער ארבייט; און דאס געלד וואָלט מען באַדארפט שאַפען, נישט נאָר פון די רייכע. אבער געלד איז נישט דער עיקר, נאָר געדולדיגע אַרבייט, וואס דערצו פעהלט נאָך זעהר אַ סך. באראָן עדמאָנד ראָטשילד האט געגעבען איבער זעכציג מיליאָן פראַנקען פאַר דער יודישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל, אבער פון דעסטוועגען, און כאָטש די מיטלען, וואס זענען אַחוץ דעם געקומען פון חברות און פון



דאס קבר פון ר' מאיר בעל הנס, ביי טבריא.

יחידים, זענען היפש גרויסע און כאָטש דורך דער חלוקה וכדו' זענען אויך אַ פיר ביז פינף מיליאָן פראַנקען יעהרליך געקומען אין לאַנד און (קודם) אין יודישע הענט, באַטרעפט דאך די יודישע ערד אין ארץ ישראל מעהר נישט ווי אַ פופציגסטעל פונ׳ם גאַנצען שטח! און דערצו זענען העכער הונדערט טויזענד יודען אין לאַנד, אַזוי אַז זייער צאָהל באַטרעפט שוין אפשר אַ זעקסטעל פון אַלע איינוואוינער פון מערב־זייט ירדן.

ווייטער זאָגט ראַידער האַגארד: «כדי ווידער צו רעדען פון כותל מערבי — פאַרוואָס האַלט מען נישט אָב די צערעמאָניע פונ׳ם קלאָגעניש ביי נאַכט? איך קאָן נישט פאַרשטעהען, ווי מענשען, וואס זענען אַזוי ערענסט ווי די דאזיגע אָרימע יודען, קאָנען מתפלל זיין אין אַזאַ סביבה, ווי איך האב געזעהן. אַרום די מתפללים און אין מיטען צווישען זיי איז געווען אַ צונויפגעמישטע חבריא אָרי־

מע לייט, קאַליקעס און קראַנקע, יונגלעך, וואס האבען אַ פּאר צענטימעטער פּאַר'ן פּנים פונ'ם פרעמדען אַראָפּגעצויגען די ברעמען פון די אויגען, כדי צו ווייזען זייערע צושטערטע אָדער קראַנקע אויגען, מענער מיט פושקעס, אַזוי גרויס ווי אַ פּעסעל, וועלכע זיי שאָקלען פאַר די פרעמדע, שרייענדיג באַקשיש אא"וו.

און אין אונטערגרונד, כדי צו פאַרענדיגען דאס בילד, שטעהט אַ קופּקע אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע טוריסטען מיט זייערע טאָלמעטשען, עטליכע זיצענדיג אויף האַלץ־קאַסטענס אָדער רויטע בענק, אַנדערע לאַכענדיג אָדער פאָטאָגראַפירענדיג —

מאָלט אייך מענשען, וואס דערלאָזען זיך דאס אלצדינג. און מאָלט אַייך אויך, וואס די אַלטע שטאָלצע גבורים, וואס האבען אַזוי לאַנג געהאַלטען די דאָזיגע וואַנד אַקעגען די רוימישע באַלעגערער, וואלטען געטראַכט און געזאָגט וועגען זייערע אייניקלעך, אויב זיי וואָלטען זיי געקענט זעהן צווישען חוזק און דערנידעריגונג דאָרטען ביי דער וואַנד!

ווער עס בעוואונדערט און שאַצט די יודען אין אַ סך פרטים, ווי דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות, און פיהלט די טיפסטע סימפּאַטיע ביי די אַלע שרעקליכע צרות, וואס מען האט הונדערטער יאָהרען געוואָרפען אויפ'ן דאָזיגען אַלטען אויסדערוויילטען פאָלק און וואס ווערען נאָך היינט געוואָרפען אויף איהם — פאַר דעם איז פשוט א וועהטוג צו זעהן אַזוינס. איך, אַז איך זאָל זיין דער יורש פון אַזאַ עבר, וואָלט איך בעסער מתפלל געווען אין דער פינסטערניש פון אַ קעלער מיט שטשארעס.

די ליטאניי, וואס מען זינגט ביים סוף פון דאווענען, און וואס כ'האב נישט געוואָלט וואַרטען ביז איהר, ווייל כ'האב ניט געקענט אויסהאַלטען די סצענע, דאָס געפּילדער און דעם ריח, דאַרף זיין זייער שעהן».

וואס דער ענגלושער דיכטער רופט אָן אַ «ליטאַניי», דאס איז פון יהודה הלויס «שירי ציון».

(דער בעל־תפילה:) וועגען פּאַלאַץ, וואס ליגט פּארוויסט
(קהל:) זיצען מיר עלענט און וויינען.
(דער בעל־תפלה:) וועגען דעם פּאַלאַץ, וואס איז אַ חורבה
(קהל:) זיצען מיר עלענט און וויינען.
(דער בעל־תפלה:) וועגען די מויערען, וואס זענען צוריסען
(קהל:) זיצען מיר עלענט און וויינען.
(דער בעל־תפלה:) וועגען אונזער גרויסקייט, וואס איז פאַרביי
(קהל:) זיצען מיר עלענט און וויינען.
(דער בעל־תפלה:) וועגען אונזערע גדולים, וואס זענען געפאַלען
(קהל:) זיצען מיר עלענט און וויינען.
(דער בעל־תפלה:) וועגען די אבנים טובות, וואס זענען פאַרברענט
(קהל:) זיצען מיר עלענט און וויינען.
(דער בעל־תפלה:) וועגען די כהנים, וואס זענען געפאַלען
(קהל:) זיצען מיר עלענט און וויינען.
(דער בעל־תפלה:) וועגען די מלכים, וואס האבען איהם מבזה געווען
(קהל:) זיצען מיר עלענט און וויינען.

דאס כותל מערבי און אַלץ אַרום און אַרום, איז דאס דעפּרימירענדיגסטע

אינ׳ם גאַנצען »יודישען ארץ ישראל«׳ און דערפאַר׳ ווייל די רעשטען פון פאָלק זעהן דא אויס אַזוי פיל «חרובער» ווי אַלע חורבנ׳ס פון שטעדט׳ מקדשים און פאַלאַצען׳ אין צווייען טרויעריג איז דאס אלצדינג׳ להיפך צו דעם לעבען אין די יודישע קאָלאָניעס׳ וואס שלאָגט אַלץ פרישער׳ און צו דעם הויבען זיך אפילו פון די אלטע איינגעזעסענע אַיינוואוינער פון די שטעדט׳ וואס מען קאָן ניט לייקענען׳ — אָבער פון דעם גאַנצען פראָגרעס קאָנען מיר שעפען דעם בטחון׳ אַז דאס כותל מערבי מיט די הספד־יודען — אַמאָל דאס גרעסטע מערקווירדיגקייט פון דעם יודישען ירושלים — וועט אַלץ מעהר און מעהר אונטערשטעליג ווערען אונטער דעם נייעם גייסט׳ וואס קומט אַריין · · ·

און אין אַן אנדער קינה שטעהט געשריבען: טרייסט אָט די׳ וואס טרויערען וועגען ירושלים׳ זיי דיך מרחם אויף ציון׳ זאמעל איין די קינדער פון ירושלים·



די קאלאניע כנרת ביים ים כנרת·

די קברים פון די מלכים·

אויף אַ טאָוועל שטעהט אויפגעשריבען· אז די קברי מלכים — טייל מיינען· אַז ס׳זענען די קברים פון כלבא שבוע· דעם שוועהר פון ר׳ עקיבא און פון זיין משפחה — זענען פון מאַדאַם פעריער אין יאהר 1897 געגעבען געוואָרען במתנה דער פראַנצויזישער מלוכה·

מאַדאַם פעריער איז געווען אַ יודיש קינד· זי האָט געוואָלט· מען זאָל שטענדיג קאָנען צוקומען צו דעם הייליגען אָרט· און האָט געמיינט· די מתנה וועט זיין דאס בעסטע מיטעל דערצו· היינט וואָלט זי מסתמא געפונען אַ יודישער מיטעל· כדי צו דערגרייכען איהר צוועק· אבער פאַרפאַלען איז פאַרפאַלען· לאָמיר



בריכות שלמה·

כאָטש האָפען· אַז אַנדערע יודיש־היסטאָרישע ערטער זאָלען אויף תמיד קומען אין יודישע הענד· —

אויף צפון-זייט פון דעם דמשק־טויער· גלייך ביים שטראָז· וואָס פיהרט צום הר הזיתים און קיין שכם· ליגען די דאָזיגע קברים· מיר געהען דורך אַ טויער· וואָס שיידט זיך מיט גארנישט אונטער פון אַלץ אַנדערע הויז־ אָדער גארטען־טויערען פון דער ירושלימער פירשטאדט· אין אַ קליין הייזעל וואוינט דער שומר מיט זיין פאַמיליע· זיין עיקר אַרבעט איז צו פאַרקויפען די פרעמדע די וועקסענע ליכטלעך· וואס מען דארף האבען כדי אנצוקוקען די הייהלען, צו פיהרען זיי און צו נעמען דאס טרינקגעלד·

ברייטע טרעפ· וואס זענען אויסגעהאַקט אינ׳ם שטיין· פיהרען אראפ פון הויף· וואס ליגט גלייך מיט דער גאַס· צו די ציסטערנעס· וואס פילען זיך נאָך

היינט אָן אַלע יאהר מיט וואַסער. אפילו די אַלטע צופיהר־רינשטאָקען, וואס זענען אויך אויסגעהאַקט אינ׳ם שטיין, קאָן מען נאָך היינט זעהן ביי די זייטען פון די טרעפ. פון די ציסטערנעס געהט מען לינקס דורך אַ טויער אין דער גראָבער וואנד צו דעם אייגענטליכען חצר פון די קברים. דאָרטען שטעהען פאר אונז דאס רייך געצירטע טויער פון די קברי המלכים. לינקס אינעווייניג אין טויער געפינט זיך דער ענגער אריינגאַנג צו די אייגענטליכע קברים, חדרים מיט זייערע באַנק־קברים, רוק־קברים און וואס נאָך פאַר ספּעציעלע נעמען, וואס זיי האָבען. פריהער איז דער ענגער אַריינגאַנג געווען פאַרמאַכט פון אַ מין מיהלשטיין, וועלכען מען האט געמוזט רוקען אויף אַ זייט. ער איז געגאַנגען אין אַ שטיינערנעם רינשטאָק. די שטיינטירען און דער רינשטאָק זענען נאָך היינט אויף זייער אָרט.

די שענסטע אַלטע ארונות, וואס מען האט געפונען, האט מען געבראַכט קיין פאריז אין לובר־מוזעאום, און אויך די שטיינערנע טירען, מיט וועלכע די אינע־וויניגע קבר־חדרים זענען געווען פארמאַכט, האט מען מסתמא געבראַכט אַהין. דרך אגב, די דאָזיגע גאַר אַלטע שטיינערנע טירען זענען זעהער אינטערעסאַנט. ריזיגע פליטעס פון שטיין, אויף איין זייט מיט קיילעכדיגע צאַפּענס, אויסגעאַרבייט בדיוק, וואס ענדיגען זיך שפּיצעדיג. די צאַפּענס פּאַסען אַריין אין געהעריגע לעכער אין די אויבערע און אונטערעביישטידלעך און אַזוי האט מען געקענט דרעהען די שווערע שטיין־טירען. אַפילו קונציגע שלעסער האבען זיך געפונען אין עטליכע פון די דאָזיגע יודישע שטיין־טירען, און צו איינעם פון זיי וואס איז נאָך געווען זעהער גוט, האט מען אין די וואַרשטאַטען פון לובר־מוזעאום געמאַכט אַ צווייטען שליסעל — צוויי טויזענד יאהר נאכ׳ן ערשטען!

אגב אורחא, בעדעקער מיינט, אַז יוסיפוס איז גערעכט און די קברי המלכים זענען די קברים פון הילני המלכה פון אַדיאַבענע, וואס האט זיך צוזאַמען מיט איהר זוהן איזאַטעס מגייר געווען אין ירושלים. ווען זי איז געשטאָרבען, האט מען זי אריבערגעפיהרט קיין ירושלים, וואו זי האט שוין ביי איהר לעבען זיך געלאָזט בויען אַ מצבה, „דריי סטאַדיעס אויף צפון־זייט פון שטאָדט״.

דער איילבירט־בוים.

דער איילבירט־בוים איז אַ וואונדערליכער בוים, און ס׳איז מובן מאליו, אַז די בוימער אין יתום׳ס משל, וואס האבען זיך געוואָלט אויסקלויבען אַ מלך, זענען קודם כל געגאַנגען צום איילבירט־בוים און האבען געזאָגט: זיי דער מושל איבער אונז! — ער איז באמת דער מלך צווישען די ביימער פון ארץ ישראל און ס׳קומט נאָר נישט צו דעם, וואס ער האט דענסטמאָל ניט געוואָלט מקבל זיין דעם כבוד. מען ווייסט, אז אויך די אַנדערע ביימער האָבען דענסטמאָל ניט געוואָלט ווערען אַ מלך, און אַז נאָר דאס דאָרן־ביימעל האט עס אנגענומען, זאגענדיג: גוט, היינט באַהאַלט אַייך אין מיין שאָטען, — — אַזוינע זאַכען טרעפען זיך נאָך היינט אויך, און וועלען זיך שטענדיג טרעפען, און דענסטמאָל איז נאָך געווען אַ באזונדערע סיבה, ניט איבערצונעמען דאס מלכות — נאר וואס האט דאָך אבימלך אויסגעהרג׳עט די זיבעציג זיהן פון זיין טאַטען, דעם מלך גדעון.

אבער ביז׳ן היינטיגען טאָג איז דער איילבירט־בוים דער חשובסטער צווישען דיביימער פונ׳ם לאַנד׳ און ביז׳ן היינטיגען טאָג איז די סביבה פון שכם רייך מיט שעהנע איילבירטען־ביימער׳ אויף וועלכע יתום׳ס שטוהל קוקט ווי דענסטמאָל אראָפ פונ׳ם הר גריזים׃

אויב מען פאָהרט היינט אין ארץ ישראל און זעהט אַ שעהנעם איילבירטען־גאָרטען׳ קאָן מען זיכער וויסען׳ אַז דא איז מען אויך רייך׃ און א שעהנער סכום איילבירטען־ביימער איז אויך אַ זיכערע ראי׳׳ אז ס׳איז שוין לאַנג שלום־צייטען׃ ווארום קודם כל האט מען תמיד אָנגעהויבען חרוב צו מאַכען׳ אין אַ מלחמה די ביימער׳ און בשעת מען האט אַנדערע סעדער גיך ווידער געקענט אויפבויען׳ האט דאס ביים איילבירט תמיד אַ סך לענגער געדויערט׳ ביז די פלאַנטאַציעס זענען ווידער גרויס געוואָרען׃ עס האָט געדויערט אַ סך לענגער׳ ביז ער האט ווידער

געגענד אין אנטי לבנון׃

געטראָגען פירות׳ און דעריבער האבען איינוואוינער׳ וואס זענען אין א מלחמה פאַראָרעמט געוואָרען׳ ערשט געקענט אַ טראַכט טון וועגען פלאַנצען איילבירטען־ביימער׳ ביז זיי זענען ווידער אַ ביסעל פאַרמעגליכער געוואָרען׃ נאָר אויב דער בוים האט שוין איינמאָל געוואקסען׳ האט מען שוין אויך געקענט האָפען׳ אז ער וועט געבען פירות פאַר קינדער און קינדס־קינדער׳ ווארום דער איילבירט־בוים טראָגט הונדערטער יאהרען׃

מען גיט זיך אויך געגעוג מיה מיט איהם׃ אָפט זעהט מען אינ׳ם לאַנד איינציגע איילבירטען־בוימער׳ וואס אַרום זיי איז געבויט אַ קליינע וואַנד׳ כדי איינצוהאַלטען די ערד ביי די וואָרצלען׃ אַלטע ביימער׳ וואס זייער שטאַם איז שוין פון אינעווייניג ליידיג׳ שפאַרט מען גוט אונטער׳ און פאַקט אַריין אינ׳ם שטאַם שטיינער

און ערד׳ כּדי דער בוים זאָל קאָנען שטעהען׳ מען קאָן זיך אָפּט גאָר ניט גלויבען אַז דורך די עטליכע רעשטלעך פון קאָרע׳ וואָס ס׳איז אחוץ זיי כּמעט גארנישט איבערגעבליבען פון׳ם שטאַם׳ געהען נאך אַלץ אַרויף די זאַפטען פון די וואָרצלען ביז׳ן שפּיץ׳ אבער די רייכקייט אין בלעטער און פּירות דערווייזט עס׳

מאָדנע פאַרדרעהט זענען אויך די וואָרצלען׳ וואָס קומען אָפּט ארויס פון דער ערד׳ און אויך דער אונטערשטער טייל שטאַם זעהט אָפּט אויס ווי צוזאַמענ־געלעגטע פינגער אָדער רינגלעך פון אַ קייט׳ אונטער דעם שטיין פון דעם אָמאַר־מעטשעט אין ירושלים ווייזט מען זיילען׳ וואס מען דערצעהלט׳ אז זיי זענען נאָך פון בית ראשון׳ און ביי וועלכע אזוינע איילבירטען־וואָרצלען זענען אַ פּנים געווען אַ מוסטער פאַר אַ אָרנאַמענט׳ וואס מען האט מעהר אין ערגעץ נישט געזעהן׳
די פאַרשפּרייטקייט פון איילבירטען־קולטור אין די אַלטע צייטען דערוויזען



א גאס אין תל אביב ביי יפו׳

די גרויסע צאָהל בוימעל־קעלטערס׳ אויסגעהאַקט אינ׳ט שטיין׳ וואס מען טרעפט אין די בערג פון ירושלים׳ און כאָטש היינט איז נאָר איבערגעבליבען אַ טייל פון די אַלטע שעהנע אוצרות ביימער׳ האט מען דאָך אין די לעצטע יאהרען געפלאַנצט אַ סך נייע ביימער — בפרט אין די יודישע קאָלאָניעס׳ וואס דורך דעם וועט די לאַנדשאַפט פון ארץ ישראל אַלץ מעהר און מעהר צוריקבאַקומען איהר גרין צירונג׳
אָבער נישט דאס גרינע צירונג איז דער עיקר — כאָטש דאס זילבערנע גרין פון איילבירטען־בוים פאסט זעהער שעהן צום בילד פון לאַנדשאַפט — נאָר די גרויסע עקאָנאָמישע וויכטיגקייט פון איילבירט־בוים׳ וואס גיט מיט זיינע פּירות און זיין בוימעל איינס פון דעם וויכטיגסטען עסענוואַרג׳ און אחוץ דעם דאס מאַטע־ריאַל פאַר דער גרעסטער אינדוסטריע פונ׳ם לאַנד׳ פאַר דער זייף־פאַבריקאַציע

זעהענדיג די כסדרדיגקייט און די גרייס פון דער הכנסה, האַלט עס דער יודישער נאַציאָנאַל־פאָנד פאַר דער בעסטער זאַך, צו פלאַנצען אויף זיין ערד אייל־בירטען־פלאַנטאַציעס, ווי די „איילבירטען־מתנה״ האט בדעה צו טון, און ווען די יודישע באַנק אין ארץ־ישראל, די „אַנגלאָ־פעלסטיין קאמפּאַני״ האט זיך גע־נומען דערצו, צו באַשאַפען אַ פענסיע־פאָנד פאַר איהרע בעאַמטע, איז געווען איהר ערשטער געדאַנק, אַז מען דאַרף אינוועסטירען דעם דאָזיגען פאָנד נישט אין מלוכה־פּאַפּירען, וואס גיבען צינזען, וכדו׳, נאָר אין איילבירטען־פלאַנטאַציעס, וואס גיבען אַ סך אַ גרעסערען רווח, — ס׳איז מעגליך, אַז מיר וועלען בקרוב הערען פון אַ גרויסער פאָלקס־אַסעקוראַציע אויף אַן עהנליכען יסוד.

קאָרען־מסחר.

אַזוי ווי כ׳האב נאָכ׳ן וואַרעמעס נישט געהאַט צו טון קיין וויכטיגערע זאַך, האב איך צוגעקוקט, ווי די שעראַאַט־אַראַבער האבען אַיינגעהאַנדעלט קאָרען פון מאַמרודי. אויב מען זאָל נישט רעכענען אַ צייט פון אַ פּאָר טויזענד יאהר און מיך אַליין, וואס פון אן אַנדער צייט, וואָלט מען געקענט זאגען, אז דאס זענען די זיהן פון יעקובן, וואס זענען אַראָפּגעקומען קיין מצרים, כדי צו דינגען זיך מיט זייער ברודער יוסף וועגען דעם געוויכט פון די זעק.

דאס קאָרען האט מען געהאַלטען אין אַ טרוקען און טיף לאָך אינ׳ם שטיין, פון וואַנען מען האט עס אַרויפגעצויגען אין עמערס, ווי אַ גילדען וואַסער. כדי ס׳זאָל זיך בעסער אויפהאַלטען, האט מען עס געלעגט אין פלעווע און דעריבער האט מען עס קודם כל געמוזט זיפען; דאס איז געווען אַן אַרבייט מיט אַ סך געשריי און כעס. אפילו די קעמלען האבען געפילדערט, געכרוקעט און געמעקעט, ווען די אַראַבער האבען זיי אנגעלאדען מיט פולע זעק. די שייהען פון די סוחור און פון די שעראַאַט זענען געזעסען אין דעם פיינעם שפריי־רעגען, ארום אויף דער ערד, און פון צייט צו צייט געברומט: „גאָט! גאָט!״ דערנאָך האבען זיי ווידער אויסגעשריגען: „ער איז אַ חנון ורחום!״ אָפּט האט מען אויך דאס ריינע קאָרען ווידער אַריינגעשיט צווישען דעם נישט־געזיפטען, דענסטמאל האט זיך אנגעהויבען אַזאַ מין סצענע:

נאַמרוד: דו! דו! יונגעל! זאל חרוב ווערען דיין וואוינונג! זאָלען דיר דיינע טעג ברענגען אומגליק!״

בני סאַחר: „ביי דער צורה פון דעם נביא פון גאָט ברוך הוא!״

די שעראַאַט ברומען אַלע אין איינעם: „גאָט! און מחמד, גאָטס נביא עליו השלום!״

איינער, אַ באָרוועסער אין אַ שעפּסען־פעל: «קאַלט, קאַלט! וואַלאַה! רעגען און קעלט!»

נאַמרוד: שאַ׳ ברודער! געה אראָפּ און ציה ארויף דאָס קארען! אונטען איז וואַרעם!»

בני סאַחר: «געלויבט איז גאָט דער אַלמעכטיגער!»

כאָר פון די קעמלען: «ב־ב־ב־ב־בדד! ג־ר־ר־א־אַ־אַ!»

קעמעל־פיהרער: שאַט׳ פאַרשאָלטענע! זאָלט איהר זיך אַריינגליטשען אינ׳ם קויט! גאָטס צאָרען זאָל זיך אויסגיסען אויף אייך!»

כאָר פון די סוחור: «גאָט! גאָט! ביים ליכט פון זיין פנים!»

די נסיעה אויפ׳ן קעמעל

מען פאָהרט היינט אין ארץ־ישראל אויף געוויסע וועגען מיט דער אייזענבאַהן׳ און דאָרטען׳ וואו ס׳זענען נאָר פאַראַן שאָסייען׳ אין באקוועמע לאנדויערס



די ביל״ו קאלאניע קאטרא.

אָדער אין אַזויגערופענע אמעריקאַנישע וואָגענס פאַר זעקס ביז אַכט פאַרשוין. זעלטענער רייט אַן איראָפּעער אויף אַן אייזעל׳ אַ פערד אָדער אַ מויל־אייזעל׳ און וועגען רייטען אויף אַ קעמעל וועט ער אפשר קיינמאָל ניט קיין טראַכט טון.

פון דעסטוועגען זענען פאַראַן נסיעות׳ וועלכע — אויב מען דאַרף דאָרטען אַהין קומען — קאָן מען גאָר אַנדערש נישט מאַכען׳ און וועגען אַזאַ נסיעה וויל איך דא אַ ביסעל דערצעהלען. ס׳איז אין תוך גענומען נישט געוועזען קיין נסיעה אין ארץ ישראל׳ כאָטש לסוף איז פּאָרט דער גרעסטער טייל פון דעם געגאַנגען דורך ארץ־ישראל. קעמלען האט מען גענוצט נעמען דעריבער׳ ווייל מען האט געוואָלט אריינקומען אין אַ טייל פון סיני־געגענד.

געדאַנקען פון אַ קאָלאָניזאַטאָרישען אינטערעס האבען עס געמאַכט גע־וואונשען, צו דערוויסען זיך בעסער וועגען אַ געגענד, וועלכער מען האט געהערט גאַנץ פאַרשידענע דעות. די ברעג־געגענד צווישען דעם היינטיגען גרעניץ פון ארץ ישראל און צווישען נחל מצרים, דעם וואַדי אַריש פון דער מאָדערנער מאפּע.

די קליינע עקספּעדיציע האט ארומגענומען — אַחוץ די קעמעל־פיהרער — זיבען מענשען, צווישען זיי איין פיהרער, וואס האט געקענט דאס לאנד. זי איז ערשט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען צווישען עזה און דעם גרעניץ פון מצרים, פון דאַנען האט זיך ערשט אָנגעהויבען די נסיעה אויפ'ן קעמעל. מיר האבען קודם נאָר באקומען די גאַנץ פּשוטסטע משא־קעמלען, וואס אויף זייערע פּרימיטיווע זאָטלען האט מען מיט קאָלדרעס און מאַנטלען אויסגעבעט אַן אָרט, וואו מען האט



א שיף נעמט אריין קוילען, אין פּארט סאיד.

געקענט זיצען ווי ס'איז. אַרויפצוקומען איז דאס שווערסטע פאַר דעם, וואס איז ניט געוואוינט מיט'ן רייטען. די אראַבער כאפּען זיך גאַנץ לייכט אַרויף אויפ'ן געהענדיגען קעמעל, אבער פאַר אונז האבען זיך די קעמלען געמוזט קניען, די קעמעל־פיהרער האבען געמוזט שטעלען זייער פוס אויף די קני פון די קעמלען, בשעת דער רייטער איז אַרויף, כדי עס זאָל די קעמלען ניט פּלוצים ארויף אויף דער מחשבה, בשעת מעשה אויפצושטעהן, וואס זיי טון מיט «געפעהרליכע» פּלוצ־לינגע תּנועות. נאָר אַז מען זיצט שוין אויבען, איז מען שוין נאָכ'ן שווערסטען. דאס קעמעל געהט זעהר זיכער, און דאס שאָקלען פיהלט דער רייטער נישט אזוי שטאַרק, ווי דער סימפּאַטיקער, וואס קוקט צו די מעשה און מיינט ס'רוב, אַז די «שיף פון דער מדבר» מוז אויך אָנמאַכען אַ מין ים־קרענק.

אויף יענער זייט פון גרעניץ פון מצרים, וואס ס׳איז ניט גאַנץ פשוט אָנגעקומען אַריבערצוגעהן (ס׳איז גראד געווען די צייט פון דעם ענגליש־טערקישען גרעניץ־סכסוך), האט מען געשאפט א פּאָר אַנדערע קעמלען. מיר האבען גענעכטיגט אין דעם ווייכען זאַמד פון די דינעס ביי דעם אַראַבישען דאָרף שעח־סובעיעד און דערווייל מיט אַ שליח געלאָזט רופען דעם שייח פון אַ שכנותדיג דערפעל. גאַנץ פריה איז דער אַלטיטשקער געקומען צו רייטען, און ווען ער האט געהערט, וואס מען האט געוואָלט פון איהם — עטליכע קעמלען מיט זייערע פיהרערס — איז ער תיכף צוריקגעריטען צו ברענגען זיי. כדי ער זאָל גרינגער רייטען, האט ער די ווארעמע קאָלדרע, וואס ער האט געהאַט מיטגענומען פאר דער קאַלטליכער צייט אין דער פריה, אַנידערגעלעגט אויף דער ערד. ווען מיר האבען איהם געזאָגט, ער זאָל זיי בעסער מיטנעמען, ווייל מיר ווילען דערווייל ווייטער געהען, האט ער פשוט געזאגט: «קיינער וועט זיי נישט ריהרען. מיינע לייט וועלען זיי שפּעטער געפינען». — און באמת, אין דעם דאָזיגען וויסטעניש, וואו ס׳איז כמעט נישטאָ קיין מענשען, טראַכט מען וועגען גנב׳ענען ניט ווי אין א כרך מיט מענשען. קיינער וועט זיך דאָרטען נישט נעמען, אַז ער זעהט עפּעס ליגען אויף דער זייט וועג, אויב ס׳איז נאָר קענטיג דורך עפּעס אַ סימן — א שנירעל, וואס איז אַרומגעלעגט אָדער אַרויפגעלעגטע שטיינער אז די זאַך איז ניט פאַרלוירען געווארען, נאָר עמיצער האט זי אַנידערגעלעגט און וויל זי שפּעטער ווידער אָפּנעמען.

דעם צווייטען טאָג פון אונזער נסיעה זענען טאַקע געקומען פרישע מענשען מיט קעמלען, וואָס מען האָט געביטען אויף עטליכע פון די פריהערדיגע, און דער אַלטער שייח איז אַליין ווידער מיטגעקומען, כדי צו פיהרען די קליינע קאַראַוואַן. — די נייע קעמלען האבען שוין געהאַט רייט־זאָטלען, וואס דער זייץ האט זיך פון פאָרענט און פון אונטען געענדיגט אין שעהנע קנוילען — אַ גרויס פאַרבעסערונג פאַר די שרעקליכע פּאַק־זאָטלען. אויף דער זייט פון די זאָטלען זענען אַראָפּגעהאנגען לאַנגע שנירלעך מיט פרענז, און דורך דעם זעהט עס אויס זעהר מאָלעריש. אויך דאס געהען פון די נייע קעמלען איז געווען אַ סך גרינגער, כאָטש זיי זענען נאָך לאַנג נישט געקומען צו די שעהנע רייט־קעמלען. אַזאַ רייט־קעמעל, אַ «דעלול», קאָן אין טאג מאַכען ביז 120 קילאָמעטער. אונזערע זענען געגאַנגען טריט ביי טריט ווי די משא־קעמלען, און האבען געמאַכט אַ פיר ביז פיפטהאַלבען קילאמעטער אין אַ שעה. פונדעסטוועגען האבען מיר מיט א וויץ אָנגערופען די בעסערע קעמלען מיט׳ן נאָמען אחשתרנים לויט די נעמען פון די לויף־קעמלען, וואס מיט זיי האט מען אַרויסגעשיקט מרדכי׳ס שלוחים, אויף גיך מבטל צו מאכען, וואס המן האט געהייסען, אין אַלע הונדערט־און־זיבען־און־צוואנציג מדינות פון אחשורש׳ענס מלוכה. ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט זענען מיר אויך געוואָהר געוואָרען, ווי די מעשה פון די אחשתרנים מאָלט זיך אין די קעפּ פון די מלמדים אין רוסלאַנד. איינער פון אונזער חברה האט דערצעהלט, אַז זיין מלמד האט איהם פירגעשטעלט די אחשתרנים פאַר קעמלען מיט אַכט פיס. מיט פיר לויפען זיי און די אַנדערע פיר «בייגען זיי אונטער», כדי צו בייטען אַ ביסעל, ווען די ערשטע פיר זענען מיד געוואָרען......

ווען מיר זענען אַן ערך פון אַכט שעה געריטען דורכ׳ן לאַנד, וואס איז

נאָר שוואַך געווען געפלאַנצט, פאַרביי ביי אַ שורה דינעס, וואס געהט צווישען דעם וועג און דעם ברעג פון ים, האבען מיר לסוף געזעהען דעם וואַלד טייטעל־ביימער, וואס איז אַ סימן, אַז די שטאָדט על־אריש איז נאָהנט, באַלד האבען מיר דערזעהן די מינאַרעט פון מעטשעט, דערנאָך דעם טרוקענעם וועג פונ׳ם וואדי על־אַריש און לסוף די שטאָדט אַליין. מיר האבען דערגרייכט דאס דערווייליגע ציל פון אונזער נסיעה.

דער גובערנאטאָר פון דער פעסטונג, אַ טערק, וואס האט געדינט אין מצרים, האט אונז געוואָלט לאזען אויפשטעלען געצעלטען אין הויף פון פעסטונג,



א טייל פון דער יודישער קאלאניע דגניא, פאטאגר. פון א עראפלאן.

אבער מיר האבען בעסער געוואָלט וואוינען אין אַ הויז אין שטאָדט, כדי נישט צו האבען קיין שטערענישען. מיר האבען באַקומען אַ שטוב מיט פינף חדרים מיט אַ הויף פון אַ 700 קוואַדראַטמעטער, פאַר אַ פרייז פון איין שילינג פאַר אַ טאָג. מען וואָלט אונז געוואָלט פאַרקויפען דאס הויז פאַר וועהניגער ווי 1000 מאַרק אָדער פאַרדונגען פאר אַ זיבעציג מארק אויף אַ יאהר. נאָר מיר האבען זיך געמוזט אָפזאָגען, ווייל מיר האבען דאס מאָל נישט געהאַט בדעה, צו באַזעצען זיך אויף שטענדיג. און באמת זענען מיר שוין שפעטער מיט א פאָר טעג צוריקגעפאָהרען, נאכדעם ווען מיר האבען פריהער געזעהן דאס, וואס איז אונז געווען אינטערעסאַנט.

צוריקפאָהרענדיג האבען אונז סודאנישע קעמעל־רייטערס פון דעם גובער־

נאַטאָר באַגלייט אַ שטיק וועגס, ס׳איז געווען אַ מין שעהנקייט צו זעהן די דאָ־
זיגע קעמלען און די שווארצע רייטערס. די סודאַנער אין קאַקי־מונדיר, אָהן אַ
שום פעהלער, די קעמלען אזוי גוט געהאָדעוועט ווי געוועט־פערד, די געבויגע־
נע הילצערנע זאָטלען גלאַנצענדיג ווי אַן אַמעריקאַניש ביוראָ־בענקעל. און
מיר — אויף אונזערע בעדואינישע געהאָדעוועטע קעמלען, גאָרנישט מיליטעריש
מיט אונזערע זאַכען, און געהאַלטען האבען מיר זיך אויך אַ סך ערגער ווי די
סודאַנער, האבען מיר זיך אַודאי ניט געקענט גלייכען צו זיי. פון דעסטוועגען האט מען
דענסטמאל אונזער פשוטע אינפאָרמאַציע־נסיעה אין די ענגלישע בלעטער גע־
האַלטען פאר אַ מלחמה־אַקציע, אויב כ׳האב קיין טעות ניט, אויך אין פאַרלאַ־
מענט. און בפרט דעם מחבר — וואס איז דאָך אַ דייטש — האט מען „צובלא־
זען" פאַר אַן אָפיציר, וואס האט די טערקישע חיילות צוגעפיהרט האַרמאַטען!—
דער דאָזיגער קלאַנג האט זיך מסתמא גענומען דערפון, אַז אַן ערך אין דער
אייגענער צייט האט מען אַנידערגעוואָרפען דיביידע גרענעץ־זיילען, וואס
זענען געשטאַנען ביי ראַפאַה, און איינע פון די ביידע האט עמעצער אַוועק־
געשלעפט מיט קעמלען. די צווייטע זייל האבען מיר נאך לאנג געזעהן ליגען
אויף דער ערד, ווען מיר זענען דאס ערשטע מאל אַריבער דעם גרענעץ.
און פון טראגען ביי נאַכט אַ מארמאר־זייל ביז טראגען אַ האַרמאַט (בפרט
אין אַראַבישער גרייס, און דא איז דאך וויכטיג די השגה פון בעדואינישע
דערצעהלער) איז דאך נישט קיין סך וועגס. „נישט קיין סך" איז פאַרשטייט
זיך כמעט אַזויפיל וויפיל „גאָרנישט" און איידער דער קלאַנג איז נאָך אַ סך
ווייטער געקומען, זענען שוין ניט געווען איין האַרמאַט נאר עטליכע האַרמאַ־
טען, און אונזער נסיעה, וואס איז געווען אן ערך אין דער זעלבער צייט,
איז שוין געווען אַזוי פאַרקניפּט מיט דער זאַך, אַז די ענגלישע דייטשען־
פרעסער האבען פון זייער זייט נישט געדאַרפט האבען קיין סך פאַנטאַזיע,
כדי צו מאַכען דערפון אַ מיליטערישע אַקציע פון דייטשלאַנד לטובה פון דער
טערקיי. — — — —

ווען מיר זענען ווידער געקומען אין טערקישען ארץ־ישראל, האבען
מיר קודם כל געבענטשט אין ניט באַאַרבייטען סאָד פון אַ דאָרף, וואס לעבען
גרענעץ, דער גארטען וואס איז ווי אומעדום אַרומגערינגעלט מיט אַ קאַקטוס־
פלויט. אַ סך פייגען־ביימער שטעהען אין איהם, דעם, וואס האט גע־
האַט די געדיכטסטע בלעטער, האבען מיר זיך אויסגעזוכט, צו ליגען אונטער איהם.
אונזערע בעדואינען זענען געגאנגען זוכען הייץ־מאַטעריאַל, צו קאכען טיי און
די שטענדיגע אייער (צעהן טעג מיט האַרט געקאָכטע אייער זענען מיר
שון איבערגעקומען!) צו צוויי האבען זיי גענומען אן אַבאַיע (אַן אַראַבישען
מאַנטעל) און זינגענדיג האבען זיי געזוכט פארטריקענטע בלעטער פונ׳ם קאק־
טוס־פלויט און אַריינגעלייגט אין דער אַבאַיע. אין מערב אויף יענער זייט פון
דער ווייסער דינע האט זיך די זון געזעצט מיט רייכע און שטארקע פארבען.—

ווען מיר האבען זיך אויפגעכאַפּט אויף מאָרגען אין דער פריה, האבען
אונזערע קאָלדרעס און מאַנטלען געטריפט מיט ראַסע, און אויך פון די צוויי־
גען פון דעם פייגען־בוים האט געטריפט אויף אונז. מיר זענען גיך אויפגע־
שטאַנען און האבען געזעהן, אַז דאָס גאַנצע רייכקייט אין בלעטער, וואָס

אונזער בוים האט פאַרמאָגט, איז ביי נאַכט פאַרשוואונדען געוואָרען: אונזערע קעמלען האבען עס געגנאַשט.

עטליכע פון אונזערע קעמעל־פיהרערס זענען נאָר ביז באר שבע געגאַנגען מיט אונז, ווייל זיי האבען ניט געוואָלט אָנוואַרפען אויף זייערע קעמלען דעם וועג אין די בערג. נאָר איינער פון זיי איז געווען אַ בעל־גאוה, האט ער אונז ניט געוואלט פאַרלאָזען, איידער מיר וועלען ניט צוקומען צון אַ וועג, וואו מען קאָן פאָהרען. ער האט בעלייט, ווי ער האט אונז דערציילט, פאַר־אַ־יאהרען אַן ענגלישען לאָרד, און מיט צוויי יאהר צוריק אפילו אַ רוסישען פרינץ אויף אַ וואַנדער אין סיני, און אין דעם פשוטען זוהן פון דער מדבר איז געבוירען געוואָרען די אַמביציע פון אַ „נסיעה־מאַרשאַל״.



ארבייטער־הייזער, וואס דער יודישער נאציאנאל־פאנד האט געבויט.

אַזוי האט ער אונז נאָך אום האַלבער נאַכט אַרויסגעפיהרט פונ׳ם שלאָפעדיגען באר שבע אַרויס, צו די בערג צו. קיין וועג האט מען ניט געקענט זעהן, קיין סימן פון געגענד אויך נישט. אָבער אין אַ גלייכער ליניע, ווי ס׳וואָלט בעסער ניט געווען מעגליך אויף אַ ברוקירטער גאַס, האָט ער אונז געפיהרט דורך וויסטעניש, קודם צון אַ גאַנץ אַלטען באַהאַלטענעם ברונעם, וואו מיר האָבען זיך אָפגערוהט, און פון דאַנעט צון אַ בערג־וועג, אויף וועלכען מיר האָבען באַדאַרפט צו קומען קיין חברון. ס׳איז פשוט אַ מחי׳, ווי די בעדואינען געפינען זייער וועג אינ׳ם לאנד — אויף וועגען אפילו, וואו זיי האָבען נאָך קיינמאָל ניט געטרעטען.

דאָ איז דער וועג ערטערווייז געווען אזוי שלעכט, אַזוי משופעדיג און

פול שטיין־בּרעקלעך, אַז די קעמלען, וואָס גייען מיט זיכערקייט, האבען אָפּט אנגעהויבען גליטשען זיך. נאָר געפאַלען איז קיינס נישט אויף דעם גאנצען וועג. צי דער רייטער איז געבליבען אויבען, צי ער איז צוליב פאָרזיכטיקייט אַראָפּ פון זיין רוקען.

אויף דער הייך פון געבערג האָבען מיר זיך שטאַרק געוואונדערט צו טרעפען אַ סך קוואַלען און היפש רייכקייט פון געוויקסען. צומאָל האָט אַרום אונז גערונען פון עטליכע לעכער און קופּעס שטיינער אויף איינמאָל, אָבער אויך דאָ האָט מען אין ערגיץ ניט געזעהן קיין מענטשליך וואוינונגען אָדער א סימן פון א מענטשען. — די זון האָט זיך שוין באַלד געזעצט, ווען מיר זענען נאָהנט געקומען צו חברון, דער אַלטער עיר דוד המלך, היינט ווי דענסטמאָל

אייקאליפטען וואלד ביי פתח תקוה.

ארומגענומען פון סעדער. אינ׳ם האַן האָבען מיר זיך געזעגענט מיט אונזערע ברוינע באַלייטערס, און זענען ביינאַכט דאָס ערשטע מאָל נאָך צוויי וואָכען ווידער געשלאָפען אין אמתע בעטען — כאָטש אָריענטאלישע צו ביסלעך — וואָס זענען צוגעגרייט געוואָרען פאַר אונז אינ׳ם הויז פון אַן אשכנזי.

דעם אַנדערען טאָג זענען מיר געפאָהרען אין דער סקריפּענדיגער און שלאָפענדיגער פוהר, פון חברון קיין ירושלים פאַרביי די בריכות שלמה, בית לחם, קבר־רחל. אויף מאָרגען אין דער פריה זענען מיר פון ירושלים מיט דער אייזענבאַהן צוגעפאָהרען קיין יפו, פון וואַנען מיר זענען געקומען, אויף אַזאַ איירָאָפּעאישען אופן האָט זיך געענדיגט אונזער נסיעה.

— —

וועגען אַן אַנדער קעמעל־נסיעה האט אונז דערציילט דער גובערנאַטאָר פון על־אַריש. מיר זענען געווען פאַרבעטען צון איהם צום עסען. ער האָט זיך אָבער ענטשולדיגט, אַז ער קאָן נישט עסען מיט אונז, וואָרען ער איז ערשט מיט א פּאָר טאָג צוריק אַהיימגעקומען פון מעקאַ. און אַצינד איז אַ מצוה, יעדען טאָג צו עסען ביי עמיצען אין שטאָדט — ווער ס׳וועט נאָר פאַר־בעטען אַ יעדען מעקאַ־עולה־רגל, צי אָרים צי רייך. אַזאַ פאַרבעטונג מוז פאָלגען סיי אַ גובערנאַטאָר סיי אַ בעטלער, צו דערציילען פון זיין נסיעה, און איבערצוגעבען כאָטש אַן אָפּשיין פון מעקאַס שיינקייט פאַר יענע, וואָס זענען געבליבען אין דער היים.

דער עולה־רגל פאָהרט אויך מיט אַ קעמעל קיין מעקאַ: אָבער די לאַנגע נסיעה דורך דער היץ פון דער זון און דעם זאַמד פון דער מדבר איז גע־וויינטליך, אַ סך שווערער ווי אונזער נסיעה איז געווען. כדי די עולי־רגל (וואָס זענען דאָך אָפּט שטאָדט־מענשען און בשום אופן נישט געוואוינט מיט אַזוינע מיהענישען) זאָל זיין לייכטער, הענגט מען אויף ביידע זייטען פונ׳ם קעמעל צוויי געשטעלען, אין וועלכען אַ מענש קאָן זיצען, ליגען אָדער שלאָפען — ווי ס׳גלוסט זיך איהם צו פאַרברענגען די צייט. — — — עהנליכע קאַראַוואַ־נען קאָן מען אַגב אורחא אויך זעהן אין ארץ ישראל. למשל גאַנץ נאָהנט ביי יפו, ביים נאַהר רובין קומען זיך אַלע יאָהר וועסנע־צייט צונויף טוי־זענטער פון עולי־רגלים, וואָס בלייבען דאָרטען אַ פּאָר וואָכען אויף יום־טוב און תפילות. שוין לאַנג פריהער און שפּעטער זעהט מען אין די גאַסען פון יפו די עולי־רגל, וואָס גייען אַהין אָדער ווידער אַהיים: קעמלען מיט אַ מין דרייענדיג בענקעל פאַר אַ זאָטעל — דער מהלך איז קירצער, קאָן די משא גרעסער זיין — אָפּט איז אויך אָנגעהאַנגען אויפ׳ן קעמעל אַ בנין ווי אַ מין ראָד, אויף וועלכען ס׳זענען צומאָל געזעסען אַפילו דריי ווייבער מיט עטליכע קינדער — אַ גאַנצער האַרעם.

— —

אַמאָל האָב איך אויך געזעהן נאָך אַן אַנדער מין קעמעל־נסיעה. ביים יפוער סעראַיל איז אָנגעקומען אַן אַלטיטשקע, פיהרענדיג אַ קעמעל, אויף וועל־כען ס׳איז געווען צוגעבונדען אויף אַ ברעט דאָס מת פון אַן אַלטען אַראַבער. אפשר איז דער מאַן נישט געשטאָרבען מיט אַ נאַטירליכען טויט, און מען האָט באַדאַרפט צו קאָנסטאַטירען עפּעס; נאָך אַ קורצען שמועס האט זיך באַוויזען אַ בעאַמטער אויבען ביי די ברייטע טרעפ פונ׳ם סעראַיל און מיט אַ מאַך פון דער האַנט האָט ער געגעבען רשות צו באַגראָבען דעם טויטען. פאַוואָליע האָט זיך דאָס קעמעל אַריבערגעטראָגען מיט זיין טויטער משא אויף דער אַנדערער זייט פון גאַס, וואו ס׳איז דער אַריינגאַנג צו דעם מחמדאַנישען בית־הקברות, וואָס אין זיין שלום האָבען שוין טויזענטער און טויזענטער געענדיגט זייער נסיעה.

— —

אַ סך מענשען זאָגען, אַז אַ קעמעל איז אַ מיאוסע בריאה, אַז זיין גע־שטאַלט איז אומגעלומפּערט, און זיין צורה איז נאַריש אָדער גאַווהדיג. וועגען לעצטען וויל איך נישט טענהען, אָבער מעהר וויל איך מיך אָפּשטעלען דע־

רויף׳ ווי גוט דאָס קעמעל איז געבויט׳ צוגעפּאַסט צו זיין צוועק׳ דער ברייי־
טער פוס איז ווי באַשאַפען פאַר׳ן זאַמד פון דער מדבר און פון די דינעס׳
די פיס זענען שטאַרק און פיין און זענען ווי אַ ספּרוזשינע אונטער דער
משא׳ וואָס מען לעגט אַרויף אויף איהם׳ מיט דער עלעגאַנץ פון אַ שלימות־
דיגער מאַשינעריע׳ און דעם גוף׳ וואָס ווייזט זיך פאַר אַ סך אויס אומגעלומ־
פערט׳ קאָן מען זייער גוט פאַרגלייכען צו דעם „פעסטען געשטעל״ פון די
מאָדערנע לופט־שיפען׳ קיין אַנדער בנין ווי אַזאַ פעסטע מאסע גוף מיט דעם
הויקער פון אויבען וואָלט ביכולת געווען׳ בעסער צוצופּאַסען די בהמה צום
טראָגען פון משאות׳ וואונדערליך שיין איז אויך דער ריטם אין וועלכען עס
געהט אַ לאַנגע קאַראַוואַן קעמלען׳ פון פאָרינט גייט ס׳רוב אַן אייזעל מיט׳ן
פיהרער׳ פונ׳ם זאָטעל פונ׳ם אייזעל גייט אַ פיהר־שטריק צום האַלז פונ׳ם



עזה׳

ערשטען קעמעל׳ און ווייטער צו איין שטריק צווישען צוויי קעמלען׳ דורך
דעם לאַנגען מאַרש מאַכט זיך ממילא׳ אַז די קעמלען גייען אַלע אין איין
טריט׳ און אַז מען זעהט אַזאַ קאַראַוואַן פון פאָרענט׳ דערמאָנט זיך איין ריזי־
גער טויזענט־פיס־וואָרעם׳ — די קעמלען׳ מיט מייערקעפעל־צירונג׳ שנירלעך
און פרענז׳ געצירט אין די שעהנע בעדואינישע פאַרבען און מיט טעפיך־שטיק־
לעך׳ גייען שווייגענדיג זייער וועג׳ די גלעקלעך קלינגען׳ די שטריקען שאָק־
לען זיך און גאַנץ גלייכמעסיג ציהט זיך די קאַראַוואַן׳ — אויב ס׳פאָהרט אנט־
קעגען אַ וואָגען׳ שרייט צון איהם דער פיהרער׳ ער זאָל פאָהרען פּאַוואָליע׳
כדי די קעמלען זאָלען זיך נישט דערשרעקען׳ דאָס טרעפט זיך גאַנץ אָפט׳
און דערנאָך געדויערט עס צומאָל זייער לאַנג׳ ביז מען האָט ווידער צונויפגע־

בונדען די אָפּגעריסענע פּיהר־שטריק און ווידער אַריינגעבראַכט די קאַראַוואַן אין איהר רוהיגען גאנג. — — —

נאָר אין אייראָפּע, וואו מען האָט ניט קיין קעמלען און דאַרף זיי בישט האָבען, האָט זיך געקענט מאַכען אַ השגה, אַז דאָס קעמעל איז אַ מין פאַר־זעהעניש — אין מזרח רעכענט מען, אַז זיין געבייי איז צוגעפּאַסטער צום צוועק ווי ביי אַלע אַנדערע חיות, און אַזוי ווי דאָס גרעסטע צוועקמעסיגקייט איז אַלץ איינס ווי דאָס גרעסטע שעהנקייט, איז ניט קיין חידוש, וואָס די אַראַבער זענען גאָר נתפּעל פון זייערע קעמלען, — מיט דער ראָליע, וואָס דאָס קעמעל שפּילט אינ׳ם לעבען און אינ׳ם געדאַנק פון דעם מזרח־מענש, האָט אפשר אַ שייכות דאָס, וואָס דער אַראַבישער שומר אינ׳ם צאָאָלאָגישען גאָרטען פון קאַאירא האָט אונז אריינגעפיהרט מיט אַזאַ סודותדיג פּנים אין אַ פינסטערען שייער, וואו לויט זיין מיינונג, ס׳איז געשטאַנען די אינטערעסאַנטסטע בהמה פון דער בריאה: אַ קעמעל מיט צוויי הויקערס!

דאס וויגעלע פון אברהם אבינו.

אין די ידיעות פון דער „אַליאַנס איזראַליט איניווערסעל״ פאַר׳ן יאָהר 1906 דערציילט הער ניעגא וועגען אַ נסיעה אין אַרם נהרים צווישען אנדי: אַז מען איז אַריבער דעם פּרת ביי בירעדזשיק, קומט מען קיין ארם נהרים און ווייטער אַ פּאָר קילאָמעטער קודם אין אַ לאַנד, וואָס איז העכער, רייך מיט קאַלעך און נאַקעט, שפּעטער אין אַ פּלאַך וואָס איז זייער שיין און אָהן אַ שיעור פלודנע.

דאָס איז די פלאַך סארודזש, דאָס אַלטע באַטוס, ניט ווייט ליגט אָרפאַ. דאָ לוינט זיך אָפּצושטעלען, דאָס איז אור כשדים פון תנ״ך, אָדער עדעסאַ פון די מסעי־צלב. עס ליגט אין מיטען אַ רייכער, פלודנער פלאַך וואָס ווערט באַוואַסערט פון אַ סך קוואַלען און צופליסונגען פונ׳ם פּרת. אַ 30 קילאָמע־טער פון אָרפאַ ליגט חרן, די היים פון אברהם אבינו, וואָס לויט די מחמדנער איז ער געבוירען אין אָרפאַ אַליין,ביים פוס פון דעם בערגעל טאג־דאַג, אויף וועלכען די הייזער פון אָרפאַ זענען געבויט, געפינען זיך צוויי זייער שיינע פיש־רייכע קוואַלען, וואָס זענען אַרומגערינגעלט געוואָרען מיט צוויי פירעקעדיגע באַסיינס. אויף דעם טאג־דאַג שטייט אַן אַלט פעסטונג מיט צוויי שלאַנקע טורעמס. אַרום דעם באַסיין זענען גרויסע פּלאַנטאַציעס. ביי דער זייט פון איין באַסיין שטייט אַ מעטשעט, צום צווייטען פיהרט די לעבעדיגסטע גאַס פון דער שטאָט אויף זייער אַ מאַלערישען אופן. די קאַרפּען אין די באַסיינס טאָר מען ניט ריהרען, קיינער טשעפּעט זיי נישט, יעדערער גיט זיי ברויט צו פרעסען, זיי וואַקסען און מעהרען זיך.

אַ ביסעל ווייטער, אָדער נאָך אַלץ ביים פוס פון טאג־דאַג שטייט אַ צווייטער מעטשעט, אופ׳ן אָרט, וואו אברהם אבינו איז געבוירען געוואָרען, לויט מען דערצעהלט. אין איין מעטשעט רינט אין אַ הייל אַ קוואַל מיט זייער אַ פריש און קלאָר וואַסער. פון סופיט אַראָפּ העגנט כלומרשט דאָס וויגעלע פון אברהם אבינו, צוגעדעקט מיט אַ גרינעם מאַנטעל, ווי די קברים פון די הייליּ־

גע אין די מעטשעטען. פריהער האָט מען ניט אַריינגעלאָזט נישט קיין יודען און נישט קיין קריסטען. אָבער נאָכ׳ן טויט פון דעם לעצטען מאלאַה איז דאָ אַ שייח, וואָס איז מאָדערנער און פראַקטישער. דעם, וואָס האָט צון איהם אַ רעקאָמענדאַציע, לאָזט ער מיט געלט אַריין. ווען כ׳האָב איהם געזאָגט, אַז ווע־גען דעם גרויסען פייכטקייט אין דער הייל וועט דאָס האָלץ זיכער נאָך פאַר־פוילט ווערען, האָט ער פשוט געענטפערט „פון צייט צו צייט מאַכען מיר אַ נייע וויג, נאָר מיר גיבען עס שטענדיג אויפ׳ן אייגענעם אָרט.“

העברעאיש אין ארץ ישראל.

ווען משה מאָנטעפיאָרעס ערשטער וויזיט אין ירושלים דערציילט מען אַז עטליכע רבנים, וואָס זענען געקומען צו איהם, האָבען קודם געוואָלט גע־וואָר ווערען ביי זיין סעקרעטאַר, אויף וואָס פאַר אַ לשון זיי זאָלען רעדען צו איהם. „זאָלען מיר רעדען אויף אַ לשון פון די אומות העולם?“ און יע־נער האָט געענטפערט: „ניין, נאָר אויף אונזער לשון.“

דאָס איז געווען אין יאָהר 1840, און ס׳קאָן ניט זיין קיין ספק, אַז פון דעסטוועגען האָבען דענסטמאָל אַלע פאַררעכענט העברעאיש צווישען די „טויטע לשונות“. — נאָך אין יאָהר 1888 רעכענט אויס אלחנן א. אדלער אין זיין באַשריי־בונג פון דער טעכנישער שולע פון דער אַליאַנס איזראַעליט אין ירושלים,



חברון.

העברעאיש אַפילו אויפ׳ן ערשטען אָרט צווישען די לשונות, וואָס מען לע־רענט דאָרטען (חוץ אַראַביש און פראַנצויזיש). נאָר ער זאָגט אָבער דאָך נאָך "וואָס איז בנוגע צו העברעאיש, בין איך זיכער, אַז אַ פשוטער אייראָפּעאי־שער ראבינער וואָלט באַדאַרפט רויט ווערען פאַר די דאָזיגע קליינע ירושלימער תלמידים, וואָס ביי זייער גיכקייט און עלעגאַנץ אין רעדען לאָזט זיך כמעט נישט גלויבען, אַז העברעאיש איז נישט קיין לעבעדיג לשון." אָבער ווען ער איז ווידער געווען אין לאַנד, שפּעטער מיט זיבען יאָהר, האָט דער זעלביגער מחבר שוין קאָנסטאַנטירט אַ גרויס איבערקעהרעניש. ער דערמאָנט, ווי יפו איז כמעט געוואָרען אַ יודישע פּאָרט־שטאָדט, און זאָגט ווייטער: "דער מאַרק איז אַ יודיש פארום, און די קינדער רעדען אַפילו דאָס העברעאיש פון תנ"ך. פאַראַן ווייניג זאַכען, וואָס דערמאָנען אַ יודען מעהר דאָס אומקעהרען זיך



די קאלאניע מילכאמיע.

אינ׳ם לאַנד פון זיינע אבות, ווי אַז ער זעהט, ווי זיינע קליינע אמונה־חברים מאַכען זייערע שולע־אַרבעטען אויף העברעאיש, און באַנוצען זיך דערמיט אפילו ביים רעדען ווי מיט אַ לשון, וואָס איז אַוודאי זייער לעבעדיג, מיט דעם לשון פון שפּילען זיך."

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף דער שאלה, צו מען דאַרף רעכענען העברעאיש פאַר אַ טויט אָדער פאַר אַ לעבעדיג לשון, האָט בערנפעלד איינמאָל זייער גוט צוריק געפרעגט: צו דאַרף מען אַלץ אַריינפּאַסען אין אַ געוויסער רובריק? — ער דרינגט אויס אַז העברעאיש איז נישט קיין לעבעדיג לשון, ווי דייטש אָדער פראַנצויזיש, און נית קיין טויט לשון, ווי עגיפּטיש אָדער אַשוריש, און אַ למדנים־לשון,

ווי לאַטיין, איז עס אויך נישט. העבֿרעאיש פאַרנעמט אַן אייגענע רובריק צווישען לשונות, ווי דאָס יודישע פאָלק צווישען די פעלקער.

איך וויל נאָך ווייטער גייען אַ שריט און זאָגען, אַז העבֿרעאיש, וואָס איז דאָך אין די אַלטע צייטען אַוודאי געוועזן אַזוי לעבעדיג, ווי וואָס עס איז פאַר אַן אַנדער לשון, איז היינט אַלצדינג אין איינעם און אויף איינמאָל: אי אַ טויט לשון, אי אַ למדנים־לשון, אי אַ לעבעדיג לשון. עס האַלט אָבער ווייטער אין אַ שינוי און אין אַן ענטוויקלונג און מען זעהט באַשיימפערליך, ווי ס'ווערט אַלץ מעהר און מעהר אַ לעבעדיג לשון.

אין ארץ ישראל איז עס שוין לעבעדיג. דאָ, וואו ס'קומען זיך צונויף יודען פון אַלע לענדער, איז העבֿרעאיש דאָס גרויסע שותפות־לשון, און מיט'ן וואַקסען פונ'ם יודישען עלעמענט ווערט עס אַלץ וויכטיגער און פאַרשפרייטער.



קליינע דעמבעס ביי חיפה.

דאָ האָט מען זיך אויך צונויפגערעדט און אָנגענומען די ספרדישע הברה, וואָס ווערט אַליין אָנערקענט אין די מאָדערנע שולען. דא, אין דער סעמיטי־שער שפראַך־סביבה פון אַראַביש, וועט מען אויך לייכטער קאָנען אָרגאַניש ווייטער בויען דאָס לשון.

אין די יודישע שולעס פונ'ם לאַנד, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרען פון דייטשע, פראַנצויזישע און ענגלישע יודען, איז דאָס לשון פון לימוד דייטש און העבֿרעאיש—פראַנצויזיש און העבֿרעאיש—ענגליש און העבֿרעאיש. העבֿרעאיש איז דאָ אומעטום. שוין אין די קינדער־גאָרטענס, וואָס זייער צאָהל ווערט שטענדיג גרעסער, בויט מען אַצינד דעם יסוד, ניט סובל זייענ־דיג קיין אַנדער לשון ווי העבֿרעאיש. אַצינד עקזיסטירט שוין אַפילו אַ הע־

ברעאישע גימנאַזיע אין יפו און עטליכע אַנדערע שולעס, וואו העברעאיש איז דאָס איינציגע לשון פון לימוד — אָבער נישט נאָר די קינדער רעדען העברע־איש. ס'האָט זיך מיר געטראָפען, אַז ביי אַזאַ טרוקענער זאַך, ווי אַ ויכוח וועגען די תקנות פונ'ם יודישען קלוב אין יפו, האָבען פון 23 מענשען אַלע גערעדט אין העברעאיש חוץ דעם מחבר און איין דאָקטאָר פון דייטשלאַנד און נאָר צוליב אונז האָט מען די וויכטיגסטע זאַכען געמוזט איבערזעצען.

אָבער כאָטש העברעאיש שפּילט שוין היינט אַזאַ גרויסע ראָליע אין ארץ־ישראל טאָרין מיר נישט פאַרגעסען, אַז נאָך מיט אַ גאַנץ קורצער צייט צוריק האָט מען די ווייניג מענשען, וואָס האָבען דאָס פאַרלאַנגט, וואָס איז היינט אַ ממשות, געהאַלטען פאַר שוטים און בעלי־חלומות. — — — אַז מען ווערט גע־האַלטען פאַר אַ שוטה און אַ בעל־חלום, איז אָפּט אַ זיכערער סימן, אַז מען איז אויף דעם רעכטען וועג. נאָר ניט יעדער דערלעבט זיך, אַז פון זיין שטות ווערט אַן אמת.

די „עלעמענטען" פון ארץ ישראל.

דער געפּיהל־ווערט, וואָס איז באַהאַלטען אין געוויסע זאַכען, וואָס קומען פון ארץ־הקדושה, ברענגט צו מאָדנע פאַרהעלטענישען ובפרט איז אינטערע־סאַנט דאָס „נוצונג" פון די „פיר עלעמענטען".

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַז ביי פרומע יודען איז וויכטיג, אויב זיי קאָנען ניט קומען צו קבורה אין ארץ־ישראל אַליין, כאָטש צו באַקומען אַ זעקעל ערד פון ארץ־הקדושה אין זייער קבר אַריין, איז גענוג באַוואוסט, און ס'איז אַוודאי אַ שיינער און פשוטער רעיון, וואָס איז דער יסוד פונ'ם דאָזיגען מנהג. די פאַרשידענע קריסטליכע סעקטעס האָבען זיך אויסגעקליבען פייער, וואַסער און לופט, כדי צוצוציהן דאָרטען עולי רגל אָדער צו מאַכען דערמיט אַנדערע געשעפטען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיט'ן הייליגען פייער פאַרמעהרט מען די צאָהל פון די גרעקישע עולי־רגלים וואָס קומען אויף פּאַסחאַ קיין ירושלים. דער באַקאַנטער פיהרער פון בעדעקער זאָגט וועגען דעם:

האַראַקטעריסטיש איז פאַר זיי (די גרעקען) דאָס אַזוי גערופענע „נס פונ'ם הייליגען פייער", וואָס ביי איהם קאָנען פרעמדע צוקוקען אויף די גאַ־לעריייעס פונ'ם קלויסטער. שוין דעם פרייטאג פאַר פּאַסחאַ הייבט זיך אן אַ גרויסער רעש, דער המון שלאָפט אינ'ם קלויסטער, כדי זיכער צו זיין מיט גוטע ערטער. אום שבת, צווי אַ זייגער בייטאָג, גייט ארויס אַ פּראָצעסיע פון הויכע גלחים אַרום דעם „הייליגען קבר". מען פאַרלעשט אַלע לאָמפּען. עטליכע גלחים גייען אין דעם קבר־קלויסטערל. דאָס פאָלק וואַרט מיט אָנגעצויגענע נערוועו. די גלחים זענען מתפלל. צום סוף דערלאַנגט מען דורך אַ פענסטער'ל פונ'ם קלויסטער'ל דאָס ליכט, „וואָס איז אַראָפּגעפאַלען פון הימעל". אַצינד ווערט אַ טומעל, וואָס מען קאָן גאָרנישט באַשרייבען.

דאָס הייליגע פייער, זאָגט מען, האָט אַ טבע, אַז דאָס פאַרברענט ניט דאָס מענשליכע לייב. די מאַמינים לאָזען זיך ברענען אויף דער ברוסט און נעמען עס אַהייס. נאָך די גרעקען איז דאָס נס שוין פאַסירט אין דער צייט פון די אַפאָסטלען, שוין אין ניינטען יאהרהונדערט רעדט דער מאָנאַך בערנהאַרד וועגען דעם. דעם חאליף חאַכים איז דערצעהלט געוואָרען, אַז די גלחים באַשמירען דעם אייזערנעם דראָט, אויף וועלכען דער לייכטער העגנט איבער דעם ״הייליגען קבר״, מיט באַלזאַם־אייל און צינדען עס אָן פון אויבען, פון דאַך.

אַזוי ווייט בעדעקער. — מיר האָט מען אין ירושלים דערצעהלט נאָך אַ שענערע מעשה. מען האָט מיר געזאָגט, אַז די גלחים — כדי דאָס פאָלק זאָל מיט מעהר אמונה תפילה טון — לעגען אָפּ דאָס ווייזען זיך פונ׳ם הימעל־פייער



די קאלאניע קאסטיניע, אין דרום ארץ ישראל.

אַזוי לאַנג, אַז עס טרעפט זיך צומאָל, אַז די וואַרטענדיגע עולי־רגלים קומען אַריין אין אַ גרויסען גרימצאָרען און ס׳פאַסירען ווילדע סצענעס. — — — כדי די דאָזיגע סצענעס זאָלען נעמען אַן עק, און ס׳זאָלען אפשר ניט אַריינגעצויגען ווערען די טערקישע זעלנער (וואָס מוזען שטייען אויף דער וואַך ביים ״הייליגען קבר״, כדי די פאַרשידענע קריסטליכע סעקטעס זאָלען זיך ניט שלאָגען אַ ביסעל), האָט דער פאַשאַ פון ירושלים דאָ ניט לאַנג אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז דאָס הימעלשע פייער דאַרף זיך מהיום והלאה ווייזען גאַנץ פינקטליך צו דער צייט. אויף אַ געוויסער שעה, ניט פריהער און ניט שפעטער! און זינט דענסמאָל קומט דאָס פייער ״צו דער מינוט״ — ווי דער פאַשאַ פון ירושלים האָט געהייסען. — — — — — —

דאָס וואַסער פון ארץ ישראל, בפרט פונ׳ם ירדן — איז פאַרשטײט זיך אויך הייליגער ווי די וואַסערען פון אַנדערע לענדער, און שוין לאַנג נעמען זיך די עולי־רגל אַ פלעשעל ירדן־וואַסער אַהיים. פאַר איינע קאָן עס זיין אַ זכר פון זייער עולה זיין, אָבער ס׳רוב האָבען בדעה עס צו נוצען ביים טויפען די קינדער אָדער אַזוינע געלעגענהייטען אָדער ביים היילען קרענק אָדער ביי עטליכע אַבערגלויבישע זאַכען. אַ דורכגעטריבענער סוחר, וואָס האָט געוואָלט מקדים זיין דאָס באַדערפעניש פון די מאַמינים, האָט געלאָזט קאָנסטרואירען נאָר פאַר דעם צוועק אַ שיינע פלאַכע בלעכענע פלאַש (צוברעכט זיך נישט!), האָט זיך גענומען אַ פאַטענט און אָנגעהויבען צו פאַבריצירען: ירדן־וואַסער־פלאַשען פון פאַטענט־בלעך.

אָבער וואָס איז דאָס אַלצדינג אַקעגען דעם, וואָס אַן אַמעריקאַנער קאָן זיך



די גערטנער פון די מלכים אינ׳ם טאל פונ׳ם קדרון.

אונטערנעמען, אַז ער גיט זיך אַ וואָרף צון אַן אַרטיקעל. אין יאָהר 1906 האָט זיך אין צפון־אַמעריקאַ געמאַכט „The Jordan Water Improtation Company" מיט אַ קאַפּיטאַל פון עטליכע מיליאָן דאָלאַר. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט מען געקויפט אַ קיסרליכען פירמאַן, אַז נאָר די דאָזיגע חברה האָט דעם רשות אַרויסצונעמען וואַסער פונ׳ם ירדן צוליב טויף־צוועקען וכדו׳. אַן אַגענט פון דער חברה איז געגאַנגען קיין ארץ ישראל, האָט געקויפט אין יפו אַלע פעסער, וואָס מען האָט נאָר געקענט קריגען, האָט זיי געלאָזט ברענגען צום ירדן, וואו מען האָט זיי געפילט אונטער דער השגחה פון אַ חשובען גלח, וואָס האָט געלעגט זיין חתימה אויף יעדען צאַפּען. — — — זינט דענסטמאָל קריגען די קינדער פון קריסטליכע אַמעריקאַנישע עלטערען, וואָס האָבען גענוג געלט, אַ

פאָר טראָפּענס גאַראַנטירט עכט ירדן־וואַסער צו זייער טויף. ס׳איז צו האָ־
פען, אַז ס׳שאַדט נישט די קליינע. אָבער די נוצען, וואָס די דאָזיגע „פּאַלע־
סטינאַ־געזעלשאַפט“ וואָלט געקענט ברענגען דעם לאַנד, האָט מען גאָרנישט
געזעהן, וואָרען, וויפיל איך וויים, האָט מען די פעסער ניט געפילט קיין
צווייט מאָל. אפשר איז דאָס באַדערפעניש פון אַמעריקאַ פאָרט קלענער ווי
מען האָט געמיינט. אפשר בלייבט דורך אַ נס דאָס ירדן־וואַסער אין די פע־
סער אַלץ ווייטער, אפשר....

און אַצינד די לופט. — פאַרהאַן אַ וואָרט צווישען די יודען אין לאַנד, אַז
אוירא דארץ ישראל מחכים. אָבער ווי ביי אַלע כללים, פעהלט דא אויך ניט
אויס קיין יוצא־מן־הכלל. כ׳וואָלט מיך געקענט אונטערנעמען, אנצורופען עט־
ליכע. — אָבער ווי ביי אַלע ווערטלעך איז אויך אין איהם באַהאַלטען אַן אמתער
געדאַנק — פאַר די יודען, וואָס לערענען זיך דאָ אויס, בעסער צו פאַרשטיי־

באוואסערונג פון יונגע מאראנצען־גערטנער אין ׳חפצי־בה׳

ען זייער מצב און זייער מהות, ווי אין וועלכע ס׳איז אַנדערע לענדער. —
אָבער דאָ האָט זיך גאָרנישט געזאָלט רעדען פון דער דאָזיגער לופט פון ארץ־
ישראל, וואָס מאַכט קלוג, נאָר פון דער, וואָס העלפט צו מאַכען נאַריש, וואָרום
נאָר די לעצטע איז אַ „סחורה“. מען פאַרקויפט די אָרימע רוסישע עולי־רגלים —
וועלכע מען האָט שוין אָנגעהאָנגען אַלע מעגליכע זכר׳ס פון זייער עולה־רגל־
זיין (טאַקי פשוט אָנגעהאָנגען, ווייל זיי שלעפען דאָך זייער האָב און גוטס
אין אַ בינטעל אויפן רוקען) אין שוואַרצע פלעשלעך: חושך פון מצרים.
די דאָזיגע „סחורה“ וואָלט מען פאַרשטייט זיך אויך געקענט כלומרשט עכט
אויסאַרבייטען, אויב מען וואָלט אין מצרים אָנגעפילט און צוגעמאַכט די
שוואַרצע פלעשלעך אין מיטען דער שוואַרצער נאַכט, אָבער. כ׳בין בטוח, אַז

מען איז זיך נישט אַזוי מטריח׳ נאָר באמת שיקט מען אַרויס אין דער גאַנצער רוסישער וועלט די לופט פון ארץ־ישראל׳ — — —

ווי קאָן זיך גלייכען צו דעם דאָזיגען···· כישוף דער מסחר פון די זיהן פון דער מדבר ביים סיני׳ וואָס פאַרקויפען מן (ס׳איז דאָך אמתדיג מן) אָדער דער מסחר מיט ארץ־ישראל־זכר׳ס׳ וואָס זענען פונקט אַזוי „אמתדיג״ פון איילבער־טען־האָלץ׳ פון שוואַרצען שטיין פונ׳ם ים־המלח׳ פון קאַלעך־שטיין אָדער ליים׳ קאָן זיין׳ אַז יודישע בעל־מלאכה׳ס האָבען אויסגעשניצט דאָס דעקאָראַטיווע פינעף־פאַכיגע צלם׳ דער הערב פון דער מלוכה ירושלים פון נוסעי־צלבי׳ און ווידער אַז די קריסטליכע קאָנקורענץ האָט אויסגעאַרבעט גרויסע מאַסען יודישע קמיעות פון מוטעל־פערעל׳ — אין געשעפט ווערען פאַרשטומט די אַנטיפאַטיעס׳ און די וואָס טראָגען די קמיעות וועלען מסתמא ניט שפירען קיין גרעסערע אדער קיין קלענערע פעולה׳ צי אַ יודישע צי אַ קריסטליכע האַנט האָט געהאַלטען די נאָדעל און אויסגעקריצט די אותיות׳

דאס קבר פונ׳ם הייליגען׳

אויפ׳ן שפיץ פון אַ בערגעלע׳ וואָס ביי זיין פוס ליגט אַ מחמדאַניש דאָרף׳ איז געשטאַנען אַ וועלי׳ דאָס איז דאָס קבר פון אַ הייליגען מאַן׳ זיין שומר איז געווען דער שיֵיח אַבדולאַה׳ אַ פריינדליכער. אַלטער מאַן׳ וואָס אַלע מענטשען פון דער גאַנצער סביבה האָבען איהם ליב געהאַט׳ ער פלעג רייטען פון דאָרף צו דאָרף׳ מיט זיין חסיד׳ דעם יתום אַלי׳ אויף אַ אייזעל׳ וועלכען ער האָט דערצויגען פון זיינע לאָשיקעל־יאָהרען — און פלעג ברענגען רפואות פאַר די קראַנקע׳ און פאַרקויפען קמיעות׳ וואָס ער האָט געשריבען און··· וואָס האָבען זיכער געהיט דעם׳ וואָס האָט געטראָגען׳ פון אַן עין־הרע און נאָך אַנדערע אומגליקען׳ וואָס קאָנען זיך טרעפען און לעבען׳ ער האָט אויך פאַרשטאַנען׳ צו שטעלען דאָס הארַאסקאָפּ׳ און צו לייענען די סודות פון דעם כשוף־שפיגעל פון טינט און פון זאַמד׳

ווען אַלי איז גרויס געוואָרען׳ האָט דער זקן איינמאָל געזאָגט צו איהם: „מיין זוהן״ כ׳האָב דיך אויסגעלערענט אַלצדינג׳ וואָס איך ווייס׳ פאַראַן וועניג קאַטיב׳ס *)׳ וואָס זאָלען וויסען כאָטש אַ העלפט וואָס דו׳ נאָר ס׳פעהלט דיר נאָך׳ דו זאָלסט עולה־רגל זיין צו די הייליגע מקומות און ווערען א האַדזשי**)׳ דערנאָך וועט דיר אי״ה לייכט זיין צו געפינען אַ התמנות ווי מיינס׳ וואו מען דאַרף ניט אַרבייטען קיין סך און האָט אַ סך כבוד׳ אַ דערוויש דאַרף ניט האָבען קיין געלד׳ נעם מיין אַלטע אַבאַיע***) דעם דאָזיגען טינטער און דעם אייזעל צום רייטען׳ אויף מאָרגען אין דער פריה לאָז דיך אין וועג אַריין מיט די אַנדערע עולי־רגלים׳

*) כאתיב (כותב) איז דער מחמדאנישער דארף־דרשן אדער מלמד׳
**) איינער׳ וואס האט עולה רגל געווען קיי מעקא׳
***) פרימיטיווער אראבישער מאנטעל׳

כאָטש אַלי איז געווען טרויעריג, וואָס ער האָט געמוזט פאַרלאָזען זיין אדאפטיוו־טאַטען, האָט ער פאָרט געפאָלגט די עצה פונ'ם שייח, האָט מקבל געווען זיין ברכה און איז אַוועק אויפן אַנדערען טאָג. אַללאס חסד האָט איהם געפיהרט אין זיכערקייט. איינמאָל, נאָך אַ פּאָר חדשים, האָט ער זיך געפונען אין אַ וויסטעניש, וואו ס'האָט געבלאָזען אַ הייסער ווינט, און אין ערגיץ האָט מען ניט געזעהן קיין ברונעם אָדער מענשליכע דירות. כדי צו שאַנעווען זיין אייזעל, וועלכען ס'זענען שוין אויסגעגאַנגען די כחות, איז ער צופוס גע־גאַנגען לעבען איהם; פּלוצים איז דער אייזעל נעבעך שטייען געבליבען, האָט געריבען זיין נאָז אויף אַליס האַנט און געשטאָרבען.

אַלי האָט ביי זיך ניט געקענט פועלן, צו לאָזען זיין אַלטען גוטען פריינט



ברונעם און קבר פון שייח אבו נאבוט, ביי יפו.

פאַר די גייערס און היענעס, און האָט אָנגעהויבען גראָבען אַ קבר. דאָס איז ניט געווען אַזוי לייכט, נאָר פאַרנאַכט איז ער פאַרטיג געוואָרען, און האָט זיך געוואָלט צולייגען שלאָפען לעבען דעם פרישען קבר, ווען ער האָט דערהערט שפּרינגענדיגע פערד און דערזעהן אַ מחנה רייטערס. ער האָט געהערט, ווי דער פיהרער זאָגט צו זיינע חברים: — קוקט, דאָרטען איז אַ הייליגער דערוויש, וואָס זיצט אין אַבלות ביי אַ פריש קבר. דער טויט האָט צוגענומען זיין חבר און ער האָט איהם פרומערהייט באַגראָבען אויף דעם דאָזיגען אָפּגעלעגענעם אָרט. נעבעך אַ שרעק, צו שטאַרבען אין אַזאַ וויסט ווינקעל, וואו ס'איז אפילו ניט פאַראַן קיין וואַסער, צו וואַשען דאָס מת. איך מוז גיין און מוז'ן

מנחם זיין. — ער איז צוגעריטען צו אַלין, געגעבען שלום און געפרעגט דעם נאָמען פון׳ם טויטען. — לאַנג־אויער — האָט געענטפערט אַלי, וואָס האָט געוואָלט נוצען עפּיס אַ זעלטען וואָרט במקום „אייזעל“. — אוי ווי נעבעך, שייח לאַנג־אויער — האָט אָפּגעזיפצט דער רחמנותדיגער ריטער, און געזאָגט צו דעם אבל: — אַללאַס דרכים זענען אָפּט טונקעל, אָבער זאָלסט זיך נישט פאַרלירען דורך דעם טויט פון דיין חבר. ס׳וועט כאָטש לעבען זיין זכר. מאָרגען פריה וועל איך דיר שיקען מענטשען, וועלען זיי בויען אַ שעהן מקדש איבער זיין קבר... — און איידער אַלי האָט נאָך געהאַט צייט, איהם צו געבען צו פאַרשטייען די זאַך, איז דער פּריץ מיט די גיכע געפיהלען שוין אַוועקגעריטען מיט זיינע לייט.

די מחשבות וועגען זיין מאָדנער סיטואַציע האָבען אַלין ביינאַכט נישט געלאָזט שלאָפען. אויף מאָרגען אין דער פריה, באַלד ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, האָט ער געזעהן ביים האָריזאָנט פונקטען, וואָס ריהרען זיך, און האָט באַלד געקענט דערקענען, קעמלען, אָנגעלאָדענט מיט קאַלעך, און אייזלען, וואָס טראָגען שטיינער, געפיהרט פון אַ סך מויערער און אַרבייטער. די קאַראַוואַן האָט זיך דערנעהנטערט צו אַלין און לסוף זענען זיי גלייך געקומען צון איהם, מיט אפשיי׳ געגעבען איהם שלום, און איהם מודיע געווען, אַז דער עמיר האָט זיי געשיקט, זיי זאָלען תיכף בויען דאָס קבר פון׳ם שייח לאַנג־אויער, אַציגד איז שוין געווען צו שפּעט, אויפצוקלערען די גאַנצע מעשה. און אַלי האָט גאָרניט געקענט טון, ווי צוקוקען זיך צו דער אַרבייט, וואָס האָט זיך תיכף אָנגעהויבען. קודם האָט מען אויפגעשטעלט אַ שיינע מצבה אין מיטען אַ שטח, וואָס האָט געהאַט די געהעריגע גרייס און פאָרעם על פי דין, דערנאָך האָבען זיי געבויט אַן אָפּענע הייל מיט אַ נישע פאַר מתפללים, אַזוי אַז דאָס גאַנצע האָט באַקומען דאָס פנים פון אַ מקום קדוש. אויף דער זייט פון דער האַלי, וואָס אַקעגען דעם קבר־שטיבעל, האָט מען געבויט אַ צווייט שטיבעל פאַרן שומר פון׳ם מקום קדוש. צום סוף האָבען זיי געבויט אַ קליין מינאַרעט, אויסגעגראָבען אַ ברונעם, און אַרום דעם גאַנצען אויפגעשטעלט זייער אַ שעהנע וואַנד, וואָס האָט אַרומגענומען אַ גרויסען הויף און געווען פון שורות זיילען פון אַלע פיר זייטען. די גאַנצע אַרבייט האָט, פאַרשטעהט זיך געדויערט אַ היפּשע צייט, אָבער אַזוי ווי ער האָט געהערט פון׳ם עמיר אַז ער וועט איהם מאַכען פאַר׳ן שייח פון׳ם מקום קדוש (מיט גוטע שכירות) האָט ער געדולדיג אויסגעוואַרט ביז ער איז פאַרטיג געוואָרען אין מיט צופריידענקייט אויף זיך גענומען זיינע נייע התחייבותען.

אַזוי ווי דאָס אָרט איז זעהר פאַסיג געלעגען, צום אָפּשטעלען זיך פאַר אַזוינע וואָס האָבען געוואָלט פאָהרען דורך דער מדבר, איז דאָס נייע מקום קדוש באַלד מפורסם געוואָרען און די עולי־רגל־קאַראַוואַנען זענען אַהין געקומען אַלע יאָהרען.

זיי האָבען פאַרוואָרפען דעם שייח מיט מתנות, און זיין עשירות האָט זיך באַלד אָנגעהויבען צו ווייזען אין זיינע מלבושים און אין זיין פּיהרי.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די ידיעות וועגען דעם נייעם מקום קדוש, וואָס האָט באַקומען אַזאַ פרסום אין אַלע לענדער, זענען אויך לסוף געקומען צום שייח אַבדולאַ, וואָס האָט

אין זיינע יונגע יאָהרען עולה־רגל געווען צום רוב פון די הייליגע ערטער, האָט זיך אָבער נישט געקענט דערמאָנען אַפילו דעם נאָמען פון אַזאַ מקדש. ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט וויסען און זיך גענומען עולה־רגל צו זיין צום שייך "לאַנג־אויער" און בסוד געוואָהר צו ווערען דעם מקור און די מעשה פונ׳ם קבר. דעם לעצטען טאָג פון די עולה־רגל־חדשים איז ער אנגעקומען צום קבר און האָט זיך זייער געחידושט וועגען דער ריזיגער צאָהל עולי־רגלים. נאָך גרעסער איז אָבער געוואָרען זיין וואונדער, ווען ער האָט אונ׳ם שומר דער־קענט זיין תלמיד אַלי. מיט פרייד־אויסגעשרייען האָבען זיי זיך אַרומגענומען און זענען געגאַנגען אין אַליס שטוב, צו פרייען זיך.

נאָכ׳ן עסען האָט שייך אַבדולאַ דעם אַלי פעסט אין די אויגען געקוקט און



נאבי שאמשון, דער מעטשעט אויף דעם קבר פון שמשון הנביא.

געזאָגט מיט ערענסטקייט: — מיין זוהן, ביי אַלע הייליגע און אַלע נביאים און און ביי אַלצדינג, וואָס איז הייליג ביי אונז מחמדאַנער, איך באַשווער דיך, זאָלסט גאָרנישט באַ־האַלטען פאַר מיר. וואָס איז באַגראָבען אָט אָ דאָ? — דער יונגער מאַן האָט אָפען דערציילט זיין מעשה, און ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער געפרעגט: — אַצינד, פאָטער, זאָג מיר, וואָס איז באַגראָבען אין דער היים ביי דיין מקום קדוש? —

דער זקן האָט פאַרשעמט געקוקט אויף דער ערד, אָבער אַלי האָט איהם נישט צורוה געלאָזט און לסוף האָט ער שטיל געענטפערט: — גוט, אויב דו מוזט עס וויסען — ס׳איז דער טאַטע פון דיין אייזעל. —

(אויס „Folklore of the Holy Land" von J. E. Hanauer, Duckworth & Co. אין לאנדאן 1907.)

„אלא איז גרויס!"

אַן אַראַבישער כּריץ איז געגאַנגען אין אַ יודישער פאַבריק, צו קויפען עטלי־כע מאַשינעריעס פאַר זיין לאַנדווירטשאַפט. אין קאַנטאָר האָט ער מיט עמי־צען גערעדט וועגען דעם, פּלוצים האָט ער געזעהן, ווי איינער פון די יונגע לייט האָט זיך אויפגעהויבען, געגאַנגען צו דער וואַנט אַ פּאָר מאָל, וואָס ניט צו פאַרשטייען, גיך אַ מאַך געטון ביי אַ קעסטעל, וואָס איז דאָרטען געהאָנגען און אָנגעהויבען אַריינצורעדען אין דער וואַנט אַריין. דער אַראַבער איז נבהל ונשתּומם געוואָרען, אַז ער האָט אויפגעהערט צו רעדען און געפרעגט, וואָס דאָס זאָל עפּיס באַטייטען. מען האָט איהם געזאָגט, אַז יענער רעדט מיט דעם וואַרשטאַט. — ווי אַזוי איז דאָס מעגליך — האָט דער אַראַבער צוריק געפרעגט — די וואַרשטאַט איז דאָך ווייט און גאָר אויף אַן אַנדער זייט! — מען האָט איהם דערקלערט אַז דאָס קעסטעל איז אַ טעלעפאָן און מיט אַזאַ זאַך קאָן מען רעדען פון דער ווייטענס און אויך קריגען אַן ענטפער. דער אַראַבער האָט זיך געוואונדערט, אבער ער האָט די זאַך דאָך ממשותדיג געזעהן פאַר זיך, און אַזוי האָט ער געגלייבט — אָבער, אמת. — האָט ער געפרעגט נאָך אַ קורצער צייט — דאָס קאָן מען נאָר אויף פראַנצויזיש? — ניין, אויף וואָס עס איז פאַר אַ לשון. — אויף אַראַביש אויכעט? — אַוודאי, קום און הער אַליין. און מען האָט דעם אַראַבער געפיהרט צו דעם קעסטעל ביי דער וואַנט, האָט טעלעפאָנירט צו דעם וואַרשטאַט, אַז דאָ איז אַן אַראַבער, וואָס גלייבט זיך נישט, אַז דאָס טעלעפאָן רעדט אַראַביש, און מען האָט איהם גע־וויזען, ווי ער זאָל האַלטען דאָס הערעריל צום אויער און ווי אַזוי מען באַ־דאַרף רעדען. ווען ער האָט אַלצדינג פאַרשטאַנען, האָט דער אַראַבער אַריינגע־פרעגט אין קעסטעל אַריין: — איז טאַקי אמת, אַז דאָס דאָזיגע קעסטעל פאַר־שטעהט אַראַביש? — אַוודאי איז אמת, און ס׳ענטפערט אויך אויף אַראַביש, — איז צוריקגעקומען: — ווי דו הערסט איצטער. — דער אַראַבער האָט געלאָזט פאַלען דאָס הערעריל און אויסגעשריגען: — אַלאַ איז גרויס!

ס׳האָט געדויערט אַ צייט, ביז ער איז צו זיך געקומען פון זיין וואונדערען זיך און האָט ווידער געקענט רעדען וועגען געשעפט.

די יודען פון דמשׂק.

די גאַנצע צאָהל איינוואוינער פון דמשק באַטרעפט 230.000—250.000 איינ־וואוינער, ס׳רוב מחמדאַנער, יודען זענען דאָ אַ 12.000 און קריסטען 40.000. די צאָהל פרעמדע איז נישט זייער גרויס, אָבער זינט ס׳איז דאַ באַהנען און די עלעקטרישע טראַמוואַיען, וואָס דערצו האָט מען גענומען אַ סך אייראָפּעאישע אַרבייטער, האַלט זי אין וואַקסען. דמשק איז איצט פאַרבונדען דורך באַה־נען מיט ביירות, האַמאַ, האָמס, אַרם־צובא, חיפה (די דאָזיגע ליניע גייט דורך ביים ים־כּנרת), מיט׳ן עבר הירדן מזרח און מיט׳ן העדזשאַס. די דאָזיגע לי־ניעס האָבען שטאַרק פאַרגרעסערט דעם מסחר פון דער שטאָדט. פון דמשק

האָבען זיך תּמיד אַריינגעלאָזט אין וועג אַריין די קאַראַוואַנען קיין מעקאַ׳ און דער דאָזיגער פאַקט ווערט נאָך וויכטיגער דורך דער העדזשאַס־באַהן׳ וואָס וועט בּקרוב פאַרטיג ווערען. די עולי־רגלים פון דער אַזיאַטישער טערקיי און פון פּערסיע קומען זיך צונויף אין דמשק און פון דאַנעט גייען זיי אין גרויסע קאַראַוואַנען צו די היילגע מקומות פונ׳ם איסלאַם. ביז תּרס״ח איז דמשק געווען די איינציגע שטאָט אין דער גאַנצער טערקיי׳ וואָס האָט געהאַט אַן עלעקטרישע טראַמוואַי. זי איז מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק איינגעאָרדענט געוואָרען׳ אַזוי ווי דאָס עלעקטרישע באַלייכטונג׳ פון אַ בעלגישער געזעלשאַפט. אין דעם אויפבּליהענדיגען מסחר נעמען די יודען קיין חלק נישט. ער איז כּמעט אַ מאָנאָפּאָל פון די מחמדאַנער. אַ קליינע צאָהל יודען זענען בעל־מלאכה׳ס. אַ גרעסערע



בית דזשאלא ביי בית לחם.

צאָהל פאַרנעמט זיך מיט דעם קליינעם מסחר. די דמשקער יודען זענען ס׳רוב אָרים׳ און ס׳זענען נאָר ווייניג פאַרמעגליכערע משפּחות צווישען זיי. אָבער אַזוי ווי זיי ווייסען ניט וואָס אָנצוהייבען׳ ווערט זייער צאָהל אַלץ קלענער. עטליכע פון די דאָזיגע משפּחות זענען געגאַנגען קיין ביירוט אָדער קיין מצרים׳ וואו ס׳איז זיי לייכטער׳ צו נוצען זייער געלט און זייער אַרבייט.

די „אַליאַנס איזראַעליט״ האַלט אויס אין דמשק גרויסע שולעס פאַר יונגלעך און מיידלעך (אַן ערך 500 קינדער) און שטיצט אויך די תּלמוד תּורה׳ס.

אינטערעסאַנט איז דער חלק פון די יודען אין דער באַוואוסטער קונסט־אינדוסטריע פון דמשק׳ ובפרט אין דער האָלץ און מעטאַל־אינדוסטריע. אַן אָנזעהעוודיגער טייל פון די גרעסערע און קלענערע סחורות פון נוסענבוים און

מוטעלפערעל און כמעט די גאַנצע דמשקער פּראָדוקציע אין געטריבען, ציזע־לירט און איינגעלייגט מעטאַלוואַרג ווערט אויסגעאַרבייט פון יודישע אַרבייטער און אַרבייטערינס — וואָס אַרבייטען אין פאַבריקען, וואָס קערען אַלע צו נישט־יודען (ס׳רוב קריסטען); טאַקי מאָדנע. — דערביי אַרבעטען אַ סך קינדער. מען קאָן אין די פאַבריקען טרעפען אַמאָל אַפילו קינדער פון פינף יאָהר. ס׳רוב אַרבייטען — בפרט אין דער מעטאַל־אינדוסטריע מיידלעך פון 10 ביז 16 יאָהרען. די שכירות זענען ס׳רוב שלעכטע. די אַרבייטען זענען אָפּט אויסגע־צייכענט גוט, זייערע ליניעס נאַאיוו, זייער טעכניק אָרגינעל און אַזוי, אַז ס׳קאָן געדויערען אָהן אַ שיעור, ווער עס פרעגט, וועט צווישען די זאַכען גע־פינען אַ סך יודישע מאָטיווען. בפרט זענען זייער שיין גרויסע פלאַכע שיס־לען פון מעש מיט איינגעלעגטע אָרנאַמענטען פון גאָלד־זילבער־און קופער־דראָט. די צייכענונגען — ס׳רוב אין סטיל פון די אַלטע הגדה־אילו־סטראַציעס — שטעלען פאַר עקדת יצחק, שלמה צווישען די זיבעציג חכמים, די מרגלים מיט די וויינטרויבען וכדו׳ און אויך אַ סך פסוקים אין כתב מרובע.

דער וואַנדערער און דער בוים אין דער מדבר.

אַ מאַן האָט אַמאָל געוואַנדערט אין דער מדבר, טאָג נאָך טאָג און נית געפונען קיין שטאָט און קיין דאָרף, נית קיין אָאַזיס און נית קיין בוים, נית קיין וואַסער און נית קיין לעבעדיג באַשעפעניש. דעם צעהנטען טאָג האָט ער פון דער וויטענס דערזעהן אַ בוים און געהאָפּט אין האַרצען, אַז ער וועט אפשר געפינען וואַסער נאָהנט ביי איהם. ווען ער איז אַהין געקומען, האָט ער לעבען בוים געפונען אַ פרישען קוואַל. און אַז ער האָט געזעהן, אַז ס׳איז אַ שיינער בוים מיט צייטיגע פרות און רייכע בלעטער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעקיהלט זיך אין זיין שאָטען, געגעסען פון די פרות און גע־טרונקען פון דעם וואַסער פון דעם קוואַל. און ס׳איז איהם גוט געוואָרען, זיינע כחות האָבען זיך איהם אומגעקעהרט, און זיין נשמה איז פריי געוואָרען.

ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען ווייטער צו גייען זיין וועגס, האָט ער גע־זאָגט: בוים, מיט וואָס קאָן איך דיך בענטשען, און וואָס זאָל איך דיר ווינשען?

אויב איך זאָל דיר ווינשען: זאָל מצליח זיין דיין שטאַם, זאָל ער שטאַרק זיין און געזונט!... דאָס באַדאַרפסטו נישט, דיין וואוקס איז דאָך שוין שטאָלץ און שטאַרק.

וואָלט איך דיר געוואונשען, דו זאָלסט געבען רייכען שאָטען... דאָס באַ־דאַרפסטו נישט, דו גיסט איהם שוין.

אַז דיינע בלעטער זאָלען זיין שיין?... זיי זענען שוין אַצינד שיין.

אַז דיינע פרות זאָלען זיין זיס?... זיי זענען שוין זיס!...

אַז איך וואָלט געבעטען פאַר דיר, אַז אַ קוואַל זאָל רינען ביי דיינע פיס, צו באַוואַסערען דיך... אָט רינט ער דאָך שוין ביי די פיס דיינע.

וואָלט איך דיר געוואונשען, זאָלסט שטייען אויף אַ טייער אָרט?... דאָס דאַרף איך אויך נישט, דאָס אָרט איז שוין טייער, וואו דו שטייסט.

וואָס פאַר אַ ברכה זאָל איך בעטען פאַר דיר? — נאָר די ברכה, אַז יעדער בוים, וואָס ווערט געפלאַנצט פון דיין זאָמען, זאָל ווערען אַזוי ווי דו.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען הקדוש ברוך הוא האָט באַשאַפען די וועלט, זענען געקומען און גע־גאַנגען צעהן דורות, קיינס פון זיי איז ניט געווען גוט, אין קיינעם פון זיי

אן אראבער, שפינענדיג.

איז ניט אויפגעשטאַנען קיין צדיק תּמים׳ נאָר אָבער אינ׳ם צעהנטען דור האָט גאָט אויסגעפונען אברהמ׳ן׳ ער האָט איהם אויסגעפּרובט און געפונען׳ אַז זיין צדק האָט טיפע וואָרצלען׳ וואָס האָבען זייער יניקה פון אַ גלויבען־קוואַל וואָס שעפּט זיך גאָרניט אויס׳ אברהם אבינו האָט אויסגעהאַלטען דעם נסיון און די רדיפות אויף קידוש השם׳ ער האָט גע־שפּייזט און דערקוויקט די דורכגייערס און געהאָלפען די נויטבאַדערפטיגע׳ ער האָט געפיהרט עטליכע מענשען צום געטליכען קוואַל פון אמונה און אָנגעזאָגט גאָטס כבוד פאַר דער גאַנצער וועלט׳

ביי דזשענינ׳

און גאָט האָט געזאָגט: וואָס פאַר א ברכה קאָן איך נאך שיקען אויף דיר׳ אברהם? אויב איך וואָלט געזאָגט׳ דו זאלסט זיין פאַר מיר אַ צדיק׳ אָדער שרה דיין ווייב זאָל זיין פאַר מיר אַ צדקנית׳ אָדער די קינדער פון דיין הויז זאָלען זיין צדיקים אין מיינע אויגען — דאָס אַלץ דאַרפסטו נישט׳ דו ביסט אַ צדיק און זיי זענען צדיקים! — מיין ברכה זאָל זיין׳ אַז אַלע׳ וואָס וועלען ארויסקומען פון דיין שטאַם׳ זאָלען זיין ווי דו׳ אַ בענטשונג

פאַר דער גאַנצער וועלט. דיין זאָמען זאָל זיין ווי די צאָהל פון די שטערען אין הימעל און ווי די שטערען אין הימעל וואָס לייכטען פאַר דער גאַנצער וועלט!

א טאג אין בני יהודה.

אַקעגען טבריא, אויף יענער זייט פון דער אָזערע, אין די בערג פון גולן, ליגט די קליינע יודישע קאָלאָניע בני יהודה. יודישע ארץ־ישראל־טוריסטען קומען כמעט קיינמאָל ניט אין דעם דאָזיגען שטיף־קינד פון דער יודישער קאָלאָניזאַציע, כאָטש זיי גיבען זיך אַזויפיל מיה, נישט צו פאַר־געסען קיין איינציגע קאָלאָניע. בקיצור קיינער קאָן ניט די קאָלאָניע, ווייסט ניט דעם שווערען מצב פון די קאָלאָניסטען, אָבער קיינער ווייסט אויך נישט ווי שיין זי ליגט און ווי שיין עס איז דער וועג אַרויף, צו איהר. — מיר האָבען אַ ביסעל געוואוסט וועגען איהרע צרות און וועגען דעם שיינקייט זענען מיר געוואָהר געוואָרען אויפ׳ן וועג.

שבת איז געווען אַ שיראקא, אויף מאָרגען אין דער פריה האָבען מיר געזאָלט פאָהרען איבער דער אָזערע צו דעם אַראַבישען דערפעל קורסי אויפ׳ן מזרח־ברעג פון דער אָזערע, פון וואַנען, אזוי האָט מען אונז געזאָגט, ס׳וועט זיין אַ שווערער מאַרש אַרויף צו דער קאָלאָניע, אָבער מיר האָבען זיך גאָרנישט געשראָקען, כאָטש מיר האָבען געוואָלט געהען צו פוס. דער ווינט איז עפּעס ניט געווען גלאַט, ווען מיר האָבען זיך זונטאג אין דער פריה אויפ־געכאַפּט. דאָס מאָרגענדיגע ליכט איז געווען אויסגעגאָסען אויף דער אָזערע די כוואַליעס איהרע האָבען נאָר גאַנץ לייכט געציטערט, אָבער די הויכע טיי־טעל־ביימער האָבען זיך געבויגען אין געררוישט אינ׳ם ווינד. מיר האָבען שוין מורא געהאַט, אַז מיר וועלען מוזען אָפּלייגען אונזער פאָהרען, אָבער די פיהרער און שיפלעך־פיהרער, וואָס האָבען געוואַרט אויף אונז, האָבען בעסער פאַר־שטאַנען דאָס וועטער און אונז געגעבען צו פאַרשטעהען, אַז דער ווינט איז גוט קיין קורסי, און אַז מיר וועלען אַהינקומען אין דער העלפט פון דער צייט, ד״ה אין איין שעה און ניט אין צוויי. און באמת — מיט אויפגעשפּאַנטע זע־געל האָט זיך אונזער שיפעל לייכט און גיך אַריבערגעגליטשט, און נישט מעהר ווי איינער פון אונזערע פינף אַראַבישע שיף־פיהרער האָבען געדאַרפט אַכטונג געבען אויפ׳ן שיפעל. די אַנדערע זענען געלעגען און האָבען זיך אויסגעצויגען אינ׳ם שאָטען פונ׳ם זעגעל, וואָס האָט אונז אויך געגעבען אַ סך שאָטען און האָט אונז אָהן שטערונג געלאָזט געניסען. דאָס שטילע פאָהרען איבער דער שיינער אָזערע אַריבער צו די בערג אויף יענער זייט, מיט וועל־כער אונזערע אויגען האָבען זיך דערקוויקט, אַז זיי האָבען זיך ניט איינגע־קוקט אין די בערג פון דעם ברעג ביי טבריא, וואָס האָבען זיך דערוווייטערט פון אונז, אָדער אין דער שעהנער בלאָהער אָזערע און דעם הימעל, וואָס איז פונקט אַזוי בלאָה. אונזער פיהרער, אַ פריהערדיגער קאָלאָניסט פון בני־יהודה, וואָס האָט אויך אַצינד נאָך דאָרטען אויבען זיין שטיקעל ערד און זיין הייזעל

דערצעהלט אונז פון דעם הונגער, וואָס ער האָט געליטען דאָרטען אויבען מיט ווייב און קינדער, ווי ער האָט געמוזט פאַרקויפען איין בהמה נאָך דער אַנדערער, ביז ער האָט שוין מעהר ניט געהאַט ווי זיין האַלב פאַרהונגערטען גוף און הענד, וואָס ווילען אַרבייטען, און מיט זיי איז ער אַראָפּ קיין טבריא, צו לעבען מיט זיין בני־בית ווידער דאָס שטאָט־לעבען מיט דעם, וואָס עס פאַרדינט זיך אַזוי על פי מקרה אין אַ טאָג.

מיר האָבען דערגרייכט קורסי, אַן אַראַביש דאָרף, זייער שיין געלעגען, ווי מען טרעפט עס כמעט ביי אַלע אַראַבישע דערפער, אַמאָל אויף אַזאַ און אַמאָל אויף אַן אַנדער אופן. די שיפלעך־פיהרער האָבען אונז בפירוש מתרה געווען, מיר זאָלען נישט לאַנג בלייבען, ווייל נאָך ווארעמעס וועט זיין אַ שלעכטער ווינד. מיר האָבען דאָס געהאַלטען פאַר מאָדנע, ווייל דער ווינט פון אין דער



דאס טאַל פון יריחו און גערטנער.

פריה האָט אין גאַנצען אויפגעהערט, און אָזערע און הימעל האָבען געלייכט מיט אַ לויטער בלאָהער פארב. דעריבער האָבען מיר געמיינט, אַז דאָס איז נאָר אַן אָנשטעל פון זיי, ווייל זיי ווילען אַ ביסעל מקצר זיין זייער אַרבייט־טאָג. פון דעסטוועגען האָבען מיר זיך ווי ווייט מעגליך געוואָלט אַיילען און זיך ניט זוימען, וואו עס דאַרף ניט זיין. מיר זענען גוט געגאַנגען, ניט געדאַרפט האָבען קיין אַנדער דערקוויקונג, ווי צוריקצוקוקען אויף דעם בלאָהען לייכטענדיגען שפיגעל פון דער אָזערע און די ווייסע הייזער פון טבריא.

וואָס מען האט אונז דערצעהלט וועגען דעם שווערען וועג, האט זיך ארויסגעוויזען פאַר איבערגעטריבען, ווי מיר האבען זיך געפרייט צו זעהן. אויף וועגען, וואָס פארדאנקען זייער אויסגלייכונג דער ארבייט פון די יודען פון בני־יהודה,

זענען מיר פאַרבייגעקומען ביי ראָמאַנטישע, היפּש משופּעדיגע ערטער, און האבען אַ סך פריהער ווי מיר האָבען גערעכענט, דערגרייכט דאָס ארט, וואו מען זעהט שוין גלייך פאַר זיך די קליינע בערג־פלאך, וואו ס'שטייען די נידעריגע הייזלעך פון דער קאָלאָניע. מיר האבען ארויפגעוואונקען, מען האט אונז באַלד געזעהן, און ס'זענען אונז געגאַנגען אקעגען די עטליכע קאָלאָניסטען פון בני יהודה. זייער ראש, איינער בערענשטיין, האָט אונז פאַרבעטען צו זיך אין זיין הויז. עס איז דאָס איינציגע וואָס די קאָלאָניסטען האבען אַליין געבויט, און דעריבער איז עס אַ ביסעל בעסער איינגעאָרדענט ווי די אַנדערע. אגב אורחא: דאָס איינציגע הויז, וואָס איז געווייסעלט פון אינעווייניג און פון אויסענווייניג. אַלע אַנדערע קאָלאָניסטען וואוינען נאָך היינט אין די טיפּישע פּרימיטיווע אַראַבישע שטיין־הייזעלעך, וואָס מען האָט ביים קויפען דאָס דאָזיגע פריהערדיגע אַראַבער־דאָרף באַקומען פון זיי. אַ שאָד, אַז זיי האָבען נישט כאָטש געווייסעלט אַלע הייזלעך אַזוי ווי בערענשטיינס הויז. דאָס דאָזיגע קליינטשיגע פּינטעל ווייסע פאַרב קאָן מען זעהן פון דעם מערבדיגען טייל פון דער אַזערע, עס זאגט איטליכען, וואס איז געווען דאָרטען אויבען: דאָס איז בני יהודה. אויב מען וואָלט די גאַנצע זייט צו דער אָזערע אויך אַזוי געווייסעלט, וואלט דאָס שוין געווען אַ סימן, וואָס וואָלט זיך בעסער געזעהן, ס'וואָלטען מעהר מענשען זיך דערוואוסט וועגען דער קאָלאָניע און זיך מעהר ארומגעקוקט אויף איהר. (ווער ס'קאָן דעם רושם פון ווייסע הייזער אין דער קלאָרער לופט און אין דעם שטאַרקען גלאַנץ פון דער זון אינ'ם מזרח, דער קאָן זיך פאָרשטעלען זייער ריזיגען כח פון לייכטען. אַ שאָד, אַז די יודען אין ארץ־ישראל ווייזען אַרויס, ביים בויען זייערע קאָלאָניעס אא"ו לעת־עתה נאָך זעהר וועניג מאָלערישען חוש, בשעת כמעט אַלע אַראַבישע דערפער ווייזען א וואונדערליך שעהנע דעקאָראַטיווע פעולה). די איינוואוינער פון דעם שכנותדיגען אַראַבער־דארף, עד שקום זענען די איינציגע מענשען, צו וועלכע מען קאָן צוקומען, און דעריבער האַלטען די קאָלאָניסטען מיט זיי אַ פריינדליך שייכות זיי העלפען איינע די אַנדערע, אָבער מען האָט אונז דערצעהלט, אַז ס'רוב גייט עס נאָר לטובה פון די אַראַבער. עטליכע פון די אַראַבער זענען שומרים ביי די יודען, און האָבען זייערע געצעלטען אויף די דעכער פון די נידעריגע הייזלעך. על כל פנים דאָס שייכות איז אַזוי, אַז אין דעם הייזעל, וואו מיר זענען געווען, זענען זיך באַלד, אַחוץ אַלע יודישע קאָלאָניסטען אויך צונויפגעקומען אַ גרויסער טייל פון די אַראַבער, זייערע קינדער האבען זיך געשטופּט ביי די קליינע טירען און פענסטערלעך, כדי זיך גוט אייצוקוקען אין די פרעמדע, אין אַ יעדער תנועה, אין אַ יעדען וואָרט. די קאָלאָניסטען זענען אַלע אשכנזים פון צפת און טבריא און מיר האָבען זיך דורכגערעדט מיט זיי אויף יודיש. פאַרשטעהט זיך, אַז אַלע קאָנען פונקט אַזוי גוט אויך אַראַביש, און מסתמא האלטען זיי זיך דער עיקר ביי יודיש, ווייל ס'קומט זיי אַמאָל צונוץ, אַז די אַראַבישע שכנים זאָלען ניט פאַרשטייען. אָבער אויך האָבען מיר זיך נאָך געפרייט צו זעהן, אַז אונזערע קאָלאָניסטען זענען ווייט נישט אַראַביזירט אין אַזאַ מאָס, ווי מען וואָלט געקענט דערוואַרטען ביי אַזוינע פארהעלטענישען. און נאָך אַזאַ לאַנגער צייט צוזאמענלעבען, לא די, וואס די

מענער זענען געגאַנגען אין קאַפּאָטעס און פּאות און די ווייבער אין אייראָ־
פּעאישע קליידער, לא די, וואָס מען האָט אונז אויפ׳ן רוסיש־יודישען שטייגער
מכבד געווען מיט טיי און בייגלעך, לא די, הייסט עס, וואָס זיי האָבען זיך
געהאַלטען ביי זייערע מנהגים — מיר האָבען אונטער דער אַש געפונען ברע־
נענדיג דעם אמתען יודישען גייסט. זיי אַלע ווייזט אויס פיהלען דאָס דעפּרי־
מירענדיגע פון זייער מצב און שטרעבען צו אַ בעסער לעבען. זיי האָבען
אונז געוויזען זייערע דירות נישט ווי מענשען, וואָס פיהלען זיך גוט אין זיי,
נאָר וואָס מוזען צופרידען זיין מיט זיי, כל זמן זיי האָבען מיט איהר גאַנצער
האַרטער אַרבייט און האָרעוואניע ניט געקענט פועלען קיין בעסערס. אויך
דאָס שטרעבען, וואס איז טיף איינגעוואָרצעלט אין אַ יעדען יודען, נאך וויסען
פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער האָבען זיי נישט גאַנץ פאַרלוירען. ס׳טוט זיי



קאלאניע עקרון, די גרויסע גאס.

זעהר וועה, אַז זייערע קינדער קאָנען זיך נישט לערנען, און ווי ווייט ס׳איז זיי
נאר מעגליך, שיקען זיי כאָטש זייערע יונגלעך קיין טבריא און צפת כדי
זיי זאָלען דאָרטען געניסען פון דעם גליק פון חדר־לימוד. אינגאַנצען זענען
געווען אַן ערך צוואנציג קאָלאָניסטען אין בני יהודה, אָבער פון זיי זענען
היינט מעהר נישט געבליבען ווי זעקס משפחות מיט 15 נשמות. די
אַנדערע האָבען נישט אויסגעהאַלטען די שווערע לאַגע און איבערגעלאָזט זייער
לאנד אונטער דעם היטונג פון די צוריקגעבליבענע, ביז ס׳וועט זיי אפשר ווי־
דער מעגליך ווערען, אז די פארהעלטענישען וועלען זיך פאַרבעסערען, אומצו־
קעהרען זיך און ווידער אָנצוהויבען די ארבייט אויף דער אייגענער ערד, צו
וועלכער זיי האָבען זיך לכתחלה גענומען מיט אַזאַ פרייד, להיפך צו אַלע אַנדערע
יודישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל, וואָס זענען מיט דער הילף פון די באַראָ־

נען הירש און רויטשילד אָדער רייכע פאנדען געבויט געוואָרען׳ אָדער האָבען כאָטש תיכף נאָך זייער גרינדונג באַקומען רייכע הילף פון די דאָזיגע קוואַלען׳ האבען מיר דאָ צו טון מיט מענשען׳ וואָס האָבען מיסד געווען זייער קאָלאָניע פון דער אייגענער איניציאַטיוו און דעם אייגענעם כּוח און האָבען ביז אַצינד געאַרבייט אונטער די גאָר שווערסטע תּנאים׳ ניט קריגענדיג קיין הילף פון וועמען ס׳איז׳ ניט גענוג געלט — דאָס איז די סיבּה׳ וואָס די פלייסיגקייט׳ די געדולד און דאָס עהרליכע שטרעבען פון די דאָזיגע מענ־שען האָבען נישט געקענט ברענגען דאָס געוואונשענע רעזולטאַט׳ אַז זיי אַליין מוזען לעבען אין אַזאַ דחקות׳ און אַז די יודישע קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבייט איז נאָך נישט רייכער געוואָרען מיט דעם היפּשען שטיק גוט באַארבייט לאַנד און מיט דעם ביישפּיל און מיט דער אָנטרייבונג׳ וואָס צו דעם קאָנען העלפען די דאָזיגע מענשען מיט׳ן ערענסטען ווילען און אָהן באַדערפעני־שען׳ אָבער ס׳איז נאָך נישט אַלצדינג פאַרפאַלען געוואָרען׳ מען וואָלט נאָך געקענט העל־פען׳ און אפשר געפינט זיך עמיצער צווישען אונזערע רייכע ברידער׳ וואָס זאָל זיך אומקוקען אויף די דאָזיגע יודען נעבעך׳ און זאָל העלפען׳ אַז זייער אַרבעט זאָל מצליח זיין׳ און ס׳וועט זיין אַ ברכה פאַר די מענשען אַליין׳ און זיי וואָלטען ניט אָנגעוואוירען די פּירות פון לאַנגע יאָהרען אַרבעט און אַ ברכה פאַר דער בשותּפותדיגער זאַך׳

אין די לעצטע צייטען האָט זיך די קאָלאָניזאַציע־חברה „עזרה" אינטערעסירט מיט דער קאָלאָניע׳ און ס׳וועט זיך איהר׳ האָפען מיר׳ איינגעבען׳ אויפצוריכ־טען די קאָלאָניסטען׳ קודם איז נייטיג׳ כּדי צו קענען זיי שאַפען אַ ביסעל קרעדיט און בכלל אַ ביסעל העלפען׳ צו פועלען׳ אַז זייער לאנד זאָל לעגאַל אָפּגעגרעניצט ווערען׳ אָבער דאָס איז נאָר אַ געלט־פראַגע און וואָלט זיכער געקענט געשעהן׳ אַז מען וואָלט נאָר געגעבען די נייטיגע מיטלען׳ זיי האָ־בען אונז דערציילט וועגען אַלע צרות זייערע און זיך געגומען צו אונז מיט אַלע דאגות און האָפענונגען זייערע׳

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין די טרויעריגע שמועסען און פינסטערע מחשבות האָבען מיר אין גאַנצען פאַרגעסען די נאַטור אַרום אונז׳ דעריבער זענען מיר געווען גאַנץ פאַרחידושט׳ ביי דעם׳ וואָס מיר האָבען געזעהן׳ שפּאַצירענדיג און אָנקוקענ־דיג אַ ביסעל די קאָלאָניע׳ פאַר אונז האָט געגלאַנצט דער ווייטער פלאַך פון ים כּנרת׳ באַגאָסען מיט דער זון פון מיטען טאָג׳ אַרומגערינגעלט פון די בערג׳ אַ טייער קיהל ווינטעל האָט געווייעט אויף אונז און די קאָלאָניסטען׳ פרייענדיג זיך מיט דער באַוואונדערונג׳ וואָס די לאַגע פון זייער שטיקעל ערד האָט אַרויסגערופען ביי אונז׳ האָבען אונז שטאָלץ געפיהרט צו די ערטער׳ פון וואַנען מען קאָן בעסער זעהן׳ פון וואנען זיי קאנען זעהן א חוץ טבריא׳ וואָס זעהט זיך שטענדיג׳ אין דער פריה און פאַרנאַכט אויך קיין צפת׳ ווייט אויבען אין די בערג אויף צפון־זייט פון טבריא׳ און אונטער איהם די קאָלא־ניע ראש־פּנה׳ אויף דרום־זייט פון טבריא אָבער׳ ביים פוס פון די בערג׳ די קאָלאָניע מילכאַמיע און׳ אַ ביסעל העכער אין די בערג׳ די קאָלאָניע יעמאַ אויף די הייזער פון כּנרת׳ דער נייער פאַרם פונ׳ם נאַציאָנאַל־

פאָנד װעלען זײ קאָנען זעהן פון דאַנען, און כ׳קאָן מיר מאָלען, אַז דער דאָ־ זיגער ערשטער נײער שטראַהל פון ליכט װעט זײן אַ גרױס געשעהעניש פאַר זײ. שטאָלץ דערצײלען זײ אױך, װי געזונט די לופט און דאָס װאַסער איז בײ זײ, אַז בײ זײ איז גאָר קײן פיבער נישט, פאַרקעהרט, אַז זײערע קינדער קו־ מען אָפט מיט פיבער צוריק פון די שטעט און װערען זײער באַלד װידער גע־ זונט דאָרטען. אױבען בײ זײ, געװײנטליך, זײ האָבען נישט קײן דאָקטער, אָ־ בער זײ פיהלען דאָס גאָרנישט, און אין דעם פרט זענען זײ רײכער פון די אַנדערע קאָלאָניעס און רײכער װי אַ סך מיליאָנערען.

ס׳איז געקומען די צײט, מיר האָבען זיך געמוזט געזעגענען, אָבער דאָס איז נישט געװען אַזױ לײכט. מיר זענען שױן געװען אַרױס פון דער קאָלאָ־



אין ראשון לציון.

ניע, אָבער די אײנװאױנער האָבען אונז נאָך אונטערגעפיהרט. לסוף האָבען מיר זיך צו־ שײדט, זײ האָפענדיג אין דער שטיל, און מיר מיט דעם פעסטען רצון, צו פרובען עפּעס צו טון פאַר דער קאָלאָניע. אױך אַ פאָר אַראַבער האָבען זיך ניט געקענט שײדען מיט אונז, אָבער דאָס איז שױן געװען אַן אַנדער זאך, זײ האָבען נאָר געװאַרט אױף דעם ביסעל מינץ פאַר דעם אונטערפיהרען.

דער װעג אַראָפּ איז געװען לײכט און שעהן, אָבער דאָס פאָהרען אױפ׳ן ים נישט. מיר זענען אַ האַלבע שעה געװען אױפ׳ן װאַסער, װען דער װינט, װעלכען מען האָט אונז אָנגעזאגט פון פריהער, האָט זיך אנגעהױבען, האָט אונזער שיפעל געװאָרפען אױף דער זײט, אַזױ האָבען מיר זיך מעהר װי אײנמאָל זעהר דערשראקען, כאָטש מיר האָבען זיך פון אױסענװײניג געהאַלטען מיט

גבורה. אין דער פריה זענען מיר אַריבער אין דער האַלבער צייט — אָבער אַצינד האָבען מיר געדאַרפט מעהר ווי צווייטאָל אַזוי פיל, און כמעט די גאַנצע צייט איז אונזער שיפעל געלעגען אויף אַ זייט, סכנות נפשות. אַצינד האָבען די שיפלעך־פיהרער געמוזט אָנקומען צו די כחות, וועלכע זיי האבען זיך אפּ־געשפּאָרט אין דער פריה, אָבער צום סוף זענען מיר למזל אָנגעקומען קיין טאַפּכאַ, אין דעם דייטשען מאָנאַסטיר, וואָס ליגט אידיליש ביי דער אָזערע, האט מען אונז אויפגענומען ווי אָנגעלעגטע געסט.

וואָס פאַר אַ חילוק צווישען דער פאַרלאָזטער קליינער קאָלאָניע נעבען אויף יענער זייט פון דער אָזערע אין צווישען דער הרחבהדיגער פאַרמעגליכ־קייט פון דעם דאָזיגען מאָנאַסטיר, וואו ס׳וואוינט כמעט קיינער נישט.

אויף דעם וועג צום באַד ביי דער אָזערע, פאַר וועלכען די מאָנאַכען האָבען זיך אַרויסגעזוכט דאָס שענסטע אָרט, וואָס מען קאָן זיך פאַרשטעלען, מיט צוויי קוואַלען, זענען מיר פאַרביי געקומען ביי די פערד־שטאַלען פונ׳ם מאָנאַסטיר, געבויט פון גוט געהאַקטע שטיינער, און דער געדאַנק האָט זיך אונז געוואָרפען אין קאָפּ אַריין, ווי גליקליך די מענטשען פון בני־יהודה וואָל־טען געווען מיט אַזוינע הייזער, ווי אָט א דאָ פאַרמאָגען עס פערד.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

(דער אַרטיקעל איז פון עמא טריטש.)

דאָן יוסף נשיא.

טבריא האָט שוין איינמאָל אין דער נייערער צייט געשפּילט אַ ראָליע אין דער יודישע קאָלאָניזאַציע־אַרבייט, און די היסטאָריע דערפון ווייזט אַזוי פיל עהנליכקיי־טען מיט זאַכען, וואָס געשעהען ווידער איצט, אַז ס׳וועט פּאַסען, באריכות צו באַשרייבען די דענסטמאָליגע געשעהענישען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

יוסף נשיא איז אין לעצטען טייל פון דריטען יאָהרהונדערט פון אלף הששי געבוירען געוואָרען אין פּאָרטוגאַל, אין אַ משפחה אנוסים, וואָס זענען אַנטלאָפען פון שפּאַניען, און איז נאָך יונגערהייט מיט אַנדערע פון דער משפחה אויסגעוואַנדערט קיין אַנטווערפּען. דאָרטען זענען ער און זיינע קרובים גע־ווען גרויסע באַנקירען, אָבער אַזוי ווי זיי זענען דאָרטען אויך געווען געצוואונגען, צו פאַרשטעלען זיך פאַר קריסטען, האָבען זיי זיך נישט געפיהלט היימיש, און יוסף און זיין מוהמע דאנא גראַסיאַ מענדעס־נשיא האָבען זיך מישב גע־ווען, אויסצוואַנדערען אין דער טערקיי, דעם איינציגען לאַנד, וואו מען האָט יודען געלאָזט האַלטען יודישקייט.

מיט גרויסע שוועריגקייטען זענען דיביידע אין יאהר 1549 געקומען קיין ווענעדיג, וואו זיי זענען ווידער אַריינגעפאַלען אין רדיפות. שוין אינ׳ם יאָהר דערנאָך האָט מען די אַנוסים אַרויסגעטריבען פון ווענעדיג. דענסטמאָל איז דאָן יוסף נשיא דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעטרעטען אַ יודישער פּאָליטי־קער. ער האָט פאַרגעלעגט דער רעפּובליק ווענעדיג איבערצוגעבען איינע פון די שכנותדיגע אינזלען פאַר אַ מקום־מקלט פאַר דער גרויסער צאָהל

יודען, וואָס אַנטלויפען פון פּאָרטוגאַל, נאָר מען האָט איהם אָפּגעזאָגט.

באַלד איז אויך דאנא גראַסיאַ געפאַלען אַ חשד, אז בסוד איז זי געטריי גע־בליבען יודישקייט און די ווענעציאַנער האָבען זיי געוואָרפען אין תּפיסה און צוגענומען איהר גאַנץ פאַרמעגען. אַצינד האָט זיך דאן יוסף בסוד געווענדט צו סולטאַן סאַלימאַן נאָך הילף. ער האָט געוויזען דעם סולטאַן, ווי גוט ס׳וועט זיין פאַר דער טערקישער מלוכה, אז די משפחה נשיא און אַנדערע רייכע יודען ווע־לען זיך באַזעצען אין דער טערקיי. — סאַלימאָן האָט געשיקט אַ שליח קיין ווע־נעדיג, און ס׳האָט זיך נאָך צוויי יאָהר דינגען איינגעגעבען צו באַפרייען דאנאַ גראַסיאַ. זי איז געגאנגען קיין קאָנסטאַנטינאָפּעל, און שפּעטער א יאהר איז דאן יוסף אויך אַהינגעקומען.



(שכם). נאבלוס מיט׳ן הר עיבל.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, ביז ער האָט באַקומען אַ דעה ביים הויף פונ׳ם סולטאַן. אין דעם סכסוך וועגען דעם נאכפאָלגען סאלימאנען איז יוסף נשיא צוגעשטאַנען צו סעלימס צד, דעם עלטערען זוהן, און האָט איהם אַ סך געהאָלפען. סעלים האט גובר געווען און דאן יוסף איז פון דענסטמאָל געווען זעהר חשוב ביי איהם, אָבער אויך סאלימאן איז דאַנקבאַר געווען דאן יוסף פאַר דער הילף, וואָס ער האָט געגעבען זיין עלטערען זוהן, און האָט איהם איבערגעגעבען די שטאָדט טבריא און זיבען דערפער אין דער סביבה פאַר אַן אייגענס, צו דעם צוועק, צו באַזעצען דאָרטען אַנטלאָפענע יודען.

דאן יוסף האָט געשיקט אַ ממלא מקום קיין טבריא מיט׳ן שליחות, ווידער אויפ־צובויען די מויערען פון דער שטאָדט, און כאָטש ס׳זענען געווען אַ סך שוועריגקייטען,

איז דאָס פאַרטיג געוואָרען אין יאהר שכ״ה׳ בשעת דעם אַרבעטען האָט מען געפו־נען דריי אַלטע קלויסטער־גלאָקען׳ וואָס האָבען געשטאַמט פון גווידאי׳ דעם לעצ־טען קריסטליכען מלך פון ירושלים׳ פון דער צייט פון מסעי־צלב׳ דאן יוסף נשיא האָט דערפון געלאָזט גיסען הארמאַטען׳

דערווייל האָט מען אויך צוגעגרייט דאָס לאַנד פאַר׳ן קומענדיגען ישוב׳ בפרט האָט מען געפלאַנצט מוילבער־ביימער׳ כדי מעגליך צו מאכען די זייד־פאַבריקאַציע׳ וואָס איז דענסטמאָל געווען אַ בליהענדיגע פרנסה׳ ווי היינט אויך ווידער׳ אין דער אייגענער צייט האָט מען פאַרשפרייט פראָקלאַמאַציעס צווישען די יודען פון די קריסטליכע לענדער׳ אז אַלע געררודפטע׳ וואָס ווי־לען אַרבייטען אויף דער ערד אָדער אין דער מלאכה׳ קאָנען אין און ביי טבריא געפונען אַ זיכערע היים׳ אַ באַזונדערע פראָקלאַמאציע האָט מען גע־



צאהלעה׳ א דארף אין אנטי־לבנון׳

שיקט צו די יודען פון דער רוימישער קאַמפּאַניא׳ וואָס זענען פון דעם פויפס פויל 3׳ (שט״ו — שי״ט) זעהר געררודפט געוואָרען און וואָס דאן יוסף האָט זיך אונטערגענומען צו ברענגען זיי אין זיינע אייגענע שיפען קיין ארץ־ישראל׳ אויך אַנדערע יודישע קהלות פון איטאַליע האָבען געבענקט נאָך דער דאָזיגער נייער טבריא׳ און ווען דער פויפס פיאוס 1׳ האָט אינ׳ם יאָהר 1569 די יודען אַרויסגעטריבען פון זיינע לענדער׳ האָבען די יודען פון פע־סאַרא׳ געשיקט אַ שיף מיט 102 יודישע עמיגראַנטען׳ וואָס זענען אָבער אַריינ־געפאַלען אין די הענד פון מאַלטעזישע ים־גזלנים און זענען פון זיי פאַרקויפט געוואָרען פאַר קנעכט׳

ווען סולטאַן סעלים איז אין יאָהר 1566 אַרויף אויפ׳ן טראָן׳ איז דאן יוסף

געוועז אויפ׳ן העכסטען פונקט פון זיין מאַכט. דער סולטאַן האט איהם גע־מאַכט פאַר אַ דוכס און געגעבען די אינזלען נאַקסאָס, אַנדראָס, מעלאָס, פאַראָס, סאַנטאַרין און די אַנדערע ציקלאַדישע אינזלען, וואָס האָבען ביז דענסטמאָל געקערט צו דער מדינה נאַקסאָס. דאן יוסף האָט רעגירט די אינזלען דורך אַ שפּאַנישען פריץ און געגומען זעהר קליינע שטייערען, כּדי צופרידען צו מאַ־כען די איינוואוינער. ער אַליין איז געבליבען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל ביים הויף פונ׳ם סולטאַן.

כאָטש דער גרויס־וועזיר מחמד סאָקאָלי איז איהם געווען אַ גרויסער שונא און געאַרבעט פליאָטקעס אַנטקעגען איהם, האָט דאן יוסף געהאַט אַזאַ גרויסע דעה ביים סולטאַן, אַז די פאַרטרעטער פון די אייראָפּעאישע מלוכות האָבען אָפּט געהאַלטען פאַר נייטיג, צו ווענדען זיך צו איהם. ווען דער דייטשער קיסר מאַקסימיליאַן 2. האט געוואלט שליסען שלום מיט דער טערקיי (1567) האָט ער באַפוילען זיין שליח וועראַנציוס, צו ברענגען מתּנות דעם דאן יוסף (אמת, וועראנציוס האָט עס נישט געטון און זיך נאָך געליגען געלד ביי דאן יוסף). אין יאָהר 1571 האָט קיסר מאַקסימיליאַן אַפילו געשריבען אַ בריף מיט זיין אייגענער האַנד צו יוסף נשיא, דעם דוכס פון נאַקסאָס.

אינ׳ם יאָהר שכ״ו האָט דאן יוסף געשריבען צו די פּראָטעסטאַנטען פון אַנטווערפּען און זיי צוגערעדט מוט. ער האָט זיי געגעבען די עצה, צו האַל־טען זיך אַקעגען שפּאַניע, אָנווייזענדיג, אַז סעלים פיהלט אַ שנאה אקעגען שפּאַניע. ווילהעלם פון אראַניע האָט אין יאָהר 1569 געשיקט צו איהם אַ שליח, אַ מקורב, צו בעטען איהם, אַז ער זאָל פועלן ביים סולטאַן, ער זאָל אָנזאָגען מלחמה צו שפּאַניע, בשעת האָלאַנד וועט אויפשטייען אַקעגען שפּאַניע. אויף אַזאַ אופן וועט שפּאַניע זיין געצוואונגען, אָפּצונעמען אַ טייל פון זיינע חיילות פון האָלאַנד, און וואָלט אַזוי אַרום שוואַך געוואָרען אויף ביידע פונקטען. אָבער יוסף האָט ניט געפּועלט.

אויך מיט זיגיסמונד אויגוסט דעם מלך פון פוילען האָט זיך דאן יוסף אי־בערגעשריבען. ער האָט איהם געליגען געלד און דערפאַר באַקומען וויכטיגע פּריווילעגיעס אין מסחר, כאָטש דער ראָט פון לעמבערג האָט פּראָטעסטירט אַקעגען דעם.

אינ׳ם יאָהר 1569 האָט דער יודישער דוכס אויסגעפיהרט זיינס ביי אַ סכסוך מיטן פראַנצויזישען מלך. דער מלך איז דער משפּחה נשיא שולדיג געווען 150.000 סקודי, האָט אָבער נישט געוואָלט באַצאָהלען. האָט זיך דאן יוסף פונ׳ם סולטאַן געלאָזט געבען רשות, צו קאָנפיסקירען פראַנצויזישע שי־פען אין די טערקישע וואַסערען ביז ער וועט באַקומען זיין תּביעה. דערנאָך האָט ער געלאָזט צוגרייטען אייגענע שיפען, און ס׳איז איהם געראָטען, צוצונעמען פראַנצויזישע שיפען אינ׳ם פּאָרט פון אַלכסנדריא. האָט פאַרקויפט זייער משא, נישט קוקענדיג אויף פראַנקרייכס פּראָטעסטען, — דער דאָזיגער בזיון האָט די פראַנצויזען שטאַרק פאַרדראָסען, און כּדי זיך נוקם צו זיין, האָט דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָפּגעקויפט אַ יודען מיט׳ן נאָמען דוד, וואָס האָט דאן יוסף׳ן געזאָלט אָנקלאָגען, אַז ער וויל אַרויס־געבען דאָס לאַנד. ס׳האָט זיך איהם אָבער איינגעגעבען, אָפּצורייניגען זיך פון

דעם דאזיגען חשד און דוד איז פאַרטרייבען געוואָרען קיין ראדאס׳ און׳ לויט דאן יוסף האָט פארגעלייגט׳ האָבען איהם די רבנים פון עטליכע קהלות אַריינ־געלעגט אין חרם — אָבער ווען יוסף האָט געהערט׳ אז דער רשע ווייזט חרטה׳ האָט ער געפרובט מבטל צו זיין דעם חרם׳ אָבער דאָס רוב רבנים האָבען נישט געוואָלט׳

אין סעפטעמבער 1569 איז דאָס אַרסענאַל אין ווענעדיג אָפּגעברענט געוואָרען׳ דאן יוסף האָט זיך תיכף דערוואוסט וועגען דעם און אָנגערעדט דעם סולטאַן׳ צו פיהרען אַ מלחמה מיט דער רעפּובליק׳ שוין לאַנג זענען די טערקיי און וועגעדיג געווען שונאים׳ און דער סולטאַן האָט זיך דעריבער מיט חשק גע־נומען צון אזא גוט געלעגענהייט׳ אָנפאַלען אויף וועגעדיג אַליין האָט ער נישט געקענט׳ ווייל אַלע קריסטליכע מלוכות וואָלטען נישט צוגעלאָזט׳

אלטע איילבירטען־ביימער׳ אין מיטען וויין־פעלדער׳ ביי שכם׳

דאָרטען צו פועלן עפּעס׳ אָבער וועגעדיג האָט דענסטמאָל נאָך געהאַט די אינזעל קפריסין׳ וואָס איז אויף אַזאַ אופן געווען דאָס איינציגע קריסטליכע לאַנד אַרום טערקיי׳ און דער סולטאַן האָט אַצינד לויט יוסף׳ס עצה צוגענו־מען די אינזעל קפריסין ביי די וועגעציאַנער׳ — העכער 300 יאָהר איז דאָס דאָזיגע לאַנד געבליבען אונטער דער טערקישער ממשלה׳ ביז אין יאָהר 1878 האָט אן אַנדערער מלוכה־מאַן פון יודיש בלוט׳ בנימין דיזרעילי׳ די אינזעל גע־בראַכט צו ענגלאַנד׳

מען דערציילט׳ אַז סולטאַן סעלים האָט דעם דוכס פון נאַקסאס צוגעזאָגט׳ אַז ער וועט איינגעמען די אינזעל קפריסין׳ וועט ער זי איהם געבען פאַר אַ מלוכה׳ עטליכע זאָגען אַפילו׳ אַז דאן יוסף האָט שוין אין זיין הויז געלאָזט

אויסאַרבעטען אַ הערב פון קפריסין, מיט זיין נאָמען פון אונטען, אָבער ביידע ידיעות זענען מעהר נישט ווי קלאַנגען.

ווען סעלים איז געשטאָרבען אין יאהר 1574 האָט דאן יוסף אָנגעוואוירען זיין פּאָליטישע השפעה און שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָהר (1579) איז ער אַליין געשטאָרבען. אַזוי ווי ער האָט ניט געלאָזט נאָך זיך קיין קינדער, איז זיין לאַנד ווידער צוריקגעקומען צו דער טערקיי, און די גאַנצע מעשה איז פארגעסען געוואָרען.

יוסף'ס ווייב, דאָנאַ רעינאַ, אַ טאָכטער פון דער גראַסיאַ מענדעס־נשיא, האָט איהם איבערגעלעבט מיט צוואַנציג יאָהרען. איהר שלאָס בעלוועדער ביי קאָנסטאַנטינאָפּעל, וואו דאן יוסף האָט שוין צוטריטליך געמאַכט אַ גרויסע לשון־קודשע ביבליאָטעק פאַר די לומדים פון זיין צייט, איז געוואָרען אַ צענ־טער פון לומדות. אין יאָהר 1593 האט זי ווידער איינגעאָרדענט אַ דרוק, וועלכע האָט שוין עקזיסטירט ביי איהר מאַנס לעבען, און האָט אַזוי ארום ממשיך געווען אַ טייל פון דאן יוסף'ס אַרבייט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יוסף נשיא האָט, לויט דעם פּשוטען זינען פון דעם דאָזיגען וואָרט, נישט געשאַפען עפּעס, וואָס זאָל האָבען אַ קיום, און פון זיין אַרבעט איז כמעט נישטאָ קיין זכר. אָבער אין אַ פאָלק, וואָס דענקט אזוי היסטאָריש, ווי דאָס יודישע, און וואָס קניפּט זיין היינט און זיין מאָרגען אזוי צונויף מיט זיין עבר — אין אַזאַ פאָלק זענען מענשען ווי דער דאָזיגער יודישער דוכס וויכטיגע רינ־גלעך פון דער קייט, וואָס מיר וואָלטען זיי ניט געוואָלט נישט האָבען, נאָך מעהר דעריבער, וואָס מיר האָבען נישט קיין סך אַזוינע. און זעהר מאָדנע זענען די עהנליכקייטען וואָס א טראכטענדיגער יוד פון היינט קאָן זיך אויסלע־רענען פון דער דאָזיגער האַלב־פאַרגעסענער מעשה.

אויך אין אונזער צייט איז דאָ אַ שטאַרקע באַוועגונג, צו באַשאַפען אין ארץ־ישראל אַ נייע היים פאַר די געראודפטע יודען, אָבער היינט איז די דאָזיגע באַוועגונג שטאַרקער און מעגליכער ווי דענסטמאָל: זי איז אין מיטען וועג!

שיפען, געפּאַקט מיט יודישע עמיגראַנטען, פאָהרען אויך היינט אויף די ימען (פאַר די מאַלטעזישע ים־גזלנים דאַרף מען היינט שוין ניט האָבען קיין מורא) און הונדערט־טויזענטער יודען וואַנדערען יאָהר נאָך יאָהר, — אויך לענדער זע־נען פאַראַן, וואָס זענען אַ מקום מקלט. צפון־אַמעריקא האָט אַריינגענומען צוויי מיליאָן געראודפטע יודען אין די לעצטע דרייסיג יאָהרען, און דאָס איז מעהר, ווי די ווענעציאַנישע אינזעל וואָלט געווען געקענט אויפטון, וואָס וועגען איהר האָט יוסף נשיא דענסטמאָל געפיהרט זיינע פאַרהאַנדלונגען, אָדער אַ שטיק בריטיש־מזרח־אַפריקע, וואָס וועגען איהם האָט זיך דאָ ניט לאַנג געשמועסט, מיט אַן עהנליכען מיין.

דאן יוסף נשיא האָט כמעט געפונען אַ גלגול אין אונזער צייט. אויפ'ן אָרט פון דעם אַנטווערפענער באַנקיר, וואָס איז אַנטלאָפען פון שפּאַניען און לסוף גע־קומען אין דער טערקיי, דאַרף מען נאָר טראַכטען וועגען באראן מאָריס דע הירש. דער דאָזיגער דרייסטער פינאַנציסט און יודישער פּאָליטיקער — געשטאָרבען אין לעצטען יאָהרהונדערט אין באַיערען, וואָס איז דענסטמאל ניט געווען אַזוי גוט אַקעגען

יודען — איז ער געוואָרען באַנקיר אין בריסעל, האָט פון דאָרטען איבערגענומען צו בויען די באַהנען אין מזרח, וואָס האָבען דער טערקיי געבראַכט גרויסע נוצען. בשעת ער האָט געאַרבעט אין מזרח האָט ער זיך בעסער דערוואוסט וועגען דעם טרויעריגען מצב פון די יודען. ער האָט זיך אונטערגענומען דעם גרויסען פּלאַן, אויסצולייזען מזרח־אייראָפּע דורך אַ יודישער קאָלאָניזאַציע אין אַנדערע לענדער. ער האָט געקויפט אין דרום־אַמעריקע געגענדען (אָפט גרעסער ווי אַ גאַנצע מלוכה) און האָט געפּרובט דאָרטען אויפצובויען יודישע פּויערים, ער איז אָבער געשטאָרבען אין מיטען זיין אַרבייט. ער האָט ניט געלאָזט נאָך זיך קיין קינדער. זיין אלמנה — ווי אַמאָל דאָנאַ רעינא — האָט געפּרואווט ממשיך צו זיין אַ טייל פון דער גרויסער קולטורעלער אַרבייט פון איהר מאַן, אָפּגעבענדיג



א מעטשעט אין נצרת.

זיך מיט דעם חינוך אין מזרח־אייראָפּע, וואָס איהר מאַן האָט שוין רייך געשטיצט.

— — — — — — — — — — — — — —

אָבער דאָ ענדיגט זיך די פּאַראַלעל. די אַרבייט פון באַראָן הירש ווערט ווייטער געפיהרט פון די אויספיהרער פון זיין צוואה, און אַזוי ווי די קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל האט געבראַכט אַ סך בעסערע רעזולטאַטען ווי אין פאַרשידענע לענדער פון אַמעריקע, וועלען די אַדמיניסטראַטאָרס פונ׳ם הירשישען מיליאָנען־פאָנד מסתמא אויך מעהר און מעהר אויסאַרבייטען דעם דאָזיגען טייל פון דער ישוב־אַרבייט.

היינט אַרבעטען אין ארץ־ישראל אין דעם וואוקס פון דער יודישער קאָלאָניזאַציע, אחוץ אַ סך קלענערע געזעלשאַפטען חברות און קאָמיטעטען: די „יק״א (יודישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט), וואָס באַראָן הירש איז איהר מיסד — צום טייל לויט די באַפעהלען פון באַראָן עדמאָנד דע ראָטשילד — די „אַליאַנס

איזראַעליט אוניווערסעל״ דער ״הילפספעראיין דער דייטשען יודען״ די רוסישע ״חברה פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל״ און די ״ציוניסטישע אָרגאַני־זאַציע״ מיט איהרע פאַרשידענע באַנקען און אַנדערע אינסטיטוטען.

און אונטער די אַלע גזעלשאַפטען שטייט דאָס נייע אינטערעס פון׳ם יודי־שען פאָלק אין זיין אַלט לאַנד און ס׳וואַקסט פון טאָג צו טאָג.

„כרם אברהם״

די רוסישע פאָגראָמען אַרום די יאָהרען 1880 און 1890 האָבען אויפגע־טרייסעלט נישט נאָר די יודישע וועלט. שווער און דריקענדיג ווי בליי האָט די גאַנצע ציוויליזירטע מענשהייט געפיהלט, געוואוסט און געזעהן, אַז דער גאַנ־צער פראָגרעס און די גאַנצע השכלה זענען נישט ביכולת, אָפּצוהיטען פון ווי־דער אריינפאַלען אין סאַמע געדיכטסטען מיטעלאַלטער, — אויך ביי די קריסטען און בפרט אין ענגלאַנד האָט זיך צוברענט דאָס רחמנות. ענגלאַנד האָט ווייט געעפענט זיינע טויערען פאַר די אַנטלאָפענע, וואָס האָבען דענסטמאָל אָנגעהויבען צו ווענדען זיך צו די לענדער פון מערב אין אַ צאָהל, ווי מען האָט זיך פריהער נישט געקענט מאָלען. העכער 200.000 האָט ענגלאַנד זינט דענסטמאָל אַריינגענומען, און נאָך גרעסער איז די צאָהל פון יענע, וואס אין ענגלאַנד האָט מען זיי געהאָלפען ווייטער צו פאָהרען קיין צפון־אַמעריקע, וואו אין דער זעלביגער צייט זענען אַריינגעקומען אַ צוויי מיליאָן יודען.

די דאָזיגע צאָהלען, אַ סך גרעסער ווי די פון דער פעלקער־וואַנדערונג זענען דאָס גרעסטע, וואָס מען האָט דענסטמאָל געטון. אָט־אָ אָבער ווילען מיר דערצעהלען וועגען איינער פון די שענסטע הילפען, וואָס זענען אַרויס־גערופען געוואָרען דורך דער דעמאָלטדיגער קאַטאַסטראָפע.

אַרום דעם יאָהר 1850 האָט זיך דאָס ווייב פון דעם ענגלישען קאָנסול אין ירושלים, פין, אינטערעסירט מיט די יודישע אַיינוואוינער פון שטאָדט, וואָס זע־נען מסתּמא דעמאָלט געווען אַ 5000. פאַר׳ן בעסטען מיטעל צו פאַרבעסערן זייער מצב האָט זיך געדאַכט צו באַשאַפען אַרבייט. אין יענער צייט האבען כּמעט אלע ירושלימער איינוואוינער געלעבט פון נדבות וכדו׳ און אויב עמיצער וואָלט געווען געזוכט אַרבייט, וואָלט ער גאָרנישט געווען געקאָנט געפונען. פרוי פין האָט געשאַפט די נייטיגע פאנדען, כּדי צו קענען אויפטון עפּעס אין דעם פּרט, און האָט אין יאָהר תרי״ב געבויט אַ קליין הויז אויף יענער זייט שטאָדט־מויער, וואָס זי האָט אָנגערופען ״הויס אוו אינדאסטרי״. אָבער די זיכערקייט אונטער דער שטאָדט איז דענסטמאָל געווען אזוי שלעכט, אַז קיינער האָט זיך ניט דערוועגט אהין צו גייען, און ווען פרוי פין איז אַ פּאָר יאָהר שפּעטער צוריקגעגאַנגען קיין לאָנדאָן, האָט זי דערווייל גאָרנישט געקענט טון אין דעם ענין. זי האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו אַרבייטען פאַר איהר אידעע, און אַ סך מענשען האָבען זיך אינ־טערעסירט מיט דער זאַך, אָבער דערווייל איז איהר נישט מעגליך געווען, ממשיך צו זיין איהר אַרבייט אין ירושלים.

ווען אָבער ס׳האָט אויסגעבראָכען אין יאָהר 1882 די רוסישע קאַטאַסטראָפע,

האָט פרוי פין ווידער אָנגעוויזען אויף איהר מיטעל, און איצט האָט זיך איהר איינגע־
געבען, וואָס איז ניט מעגליך געווען מיט דרייסיג יאָהר צוריק: מען האָט מיסד גע־
ווען אַן אינסטיטוט צו בעשאַפען אַרבייט־מעגליכקייטען פאַר די יודען פון ירושלים.
מען האָט פאַרגרעסערט דאָס אַלטע הויז, געמאַכט אַ גאָרטען, געגראָבען ציסטער־
נעס, געפלאַנצט וויינשטאָקען און פרות־ביימער—אַלצדינג מיט יודישע אַרבייטער,
וואָס האָבען מיט דעם אַליין שוין געפונען אַרבייט פאַר יאָהרען. דערנאָך האָט
מען איינגעאָרדענט אַ זייף־פאַבריק, עטליכע האָבען געאַרבייט אין דער שטיין־אויס־
האַקעריי, וואָס אַ יאָהר האָט מען דעם אינסטיטוט פאַרבעסערט געבויט מעהר ציסטער־
נעס או״וו. אין משך פון אַ סך יאָהרען, האבען מעהר ווי זיבעציג אַרבייטער,
דאָרטען געהאַט אַרבייט, און די ציסטערנעס, וואָס זיי האָבען געבויט, האָבען אין
יאָהרען, ווען ס׳פעהלט אויס וואַסער, וואָס אין ירושלים טרעפט זיך דאָס צומאָל אין



א גאס מיט אייקאליפטען אין דער קאלאניע פתח תקוה.

זייער א שווערער מאָס, שוין פאַרזאָרגט טויזענטער יודען מיט׳ן נייטיגען וואַסער,
וואָס צו קויפען עס, זענען זיי געוועזען צו אָרעם.

כ׳בין געוועזען אינ׳ם „כרם אַברהם״—אַזוי הייסט דאָס אינסטיטוט—און אזוי, ווי
ס׳זענען געווען מענשען, וואָס האָבען געהאַט אַ ספק, צי די דאָזיגע אַרבייט נעמט
זיך טקי נאָר פון דער קריסטליכער סימפאַטיע פאַר די גערודפטע יודען אָדער צי
ס׳זענען דאָ, ווי אין אַ סך אַנדערע ענגלישע אינסטיטוטען אין ירושלים,
מיסיאָנערישע אינטערעסען, בין איך אמאָל אין לאָנדאָן געגאַנגען צו דער באַ־
שאַפערין פון „כרם אברהם״. איך האָב געפונען אַן אַלטע דאַמע, וואָס גיט זיך
אינגאַנצען אָפּ צו דער אַרביט פאַר די גערודפטע יודען, און זאָגט זיך שטאַרק
ארויס אַנטקעגען דעם, אַז זי האָט אַנדערע צילען, ווי צו פאַרבעסערן דעם מצב אין

ירושלים — צום אַנדענק האָט זי מיר, ווען כ'בין אַוועקגעגאַנגען, געגעבן אַ מזוזה, „געשריבן פון אַ רב אין ירושלים".

ווען מען האָט בעשאַפן דאָס „הויס אָוו אינדאַסטרי", איז עס געווען דאָס ערשטע הייזעל אונטער דער שטאָדט און איבערדעם האָט זיך קיינער נישט דערוועגט אַהינצוגיין. אַצינד ליגט דאָס אינסטיטוט, זעהר שעהן פאַר־גרעסערט, אינמיטען די נייע פארשטעדט פון ירושלים, וואָס וואַקסען פון טאָג צו טאָג. דער פיהרער פון „כרם אברהם", דער זוהן פון אַן ענגלישען אַדמי־ראַל, זאָגט, אז ער האפט, דער גאָרטען פונ'ם אינסטיטוט וועט אַמאָל זיין אַן אָפענער פּאַרק, ווען די קייט פון די יודישע פארשטעדט וועט אַרומרינגלען דאָס גאַנצע אינסטיטוט. שוין איצט זעהט מען אָפט אום שבת, ווי פרענקישע און באָכאַרי־שע יודען פונ'ם שכנותדיגען קוואַרטאַל שפּאַצירען זיך אין גאָרטען, וואָס איז דאָס איינציגע שטיקעל ערד אין דעם טייל ירושלים, וואָס איז געפלאַנצט און באַאַרבייט.

מדין.

צווישען די, וועלכע ס'האָט אין די יאָהרען פון גזירות געצויגען צו טון עפּעס פאַר די גערודפטע יודען, זענען מסתמא געווען אַ סך מענשען, וואָס זיי אָדער די טאַטעס זייערע האָבען פאַרלאָזט יודישקייט, נאָר וואָס אין זיי האָט חוץ דעם קול פון מענשליכקייט אויך גערעדט דאָס קול פון זייער בלוט.

איינער, וואס האָט זיך דעמאָלט דערמאָנט, אז ער איז פון יודיש בלוט, כאָטש זיין משפחה איז שוין זיבט צוויי דורות געווען אַ קריסטליכע, איז געווען פויל פרידמאַן. ער האָט זיך ניט געוואלט באַנוגענען, צו געבען זיין טייל צו די נדבות, נאָר האָט געפרובט, צו טון עפּיס א דעצידירענדיגע זאַך — צו גע־בען אַ מוסטער אויף צו לעזען דאָס עמיגראַציע־פּראָבלעם.

פרידמאַן האָט אוודאי געקלערט וועגען ארץ ישראל, אָבער דאָ זענען דע־מאָלט געווען גרויסע שוועריגקייטען, און אויסגעוויזען האָבען זיי זיך נאָך גרעסער ווי זיי זענען געווען. ער האָט געקענט די פאַרהעלטענישען אין מצרים, וואו ער האָט געלעבט אַ סך יאָהרען און האָט געוואָלט פּרובען, צו די־ריגירען אַ טייל פון דער יודישער עמיגראַציע אין אַ לאַנד אין דער שכונה פון ארץ ישראל, וואָס איז געווען אונטער דער אַדמיניסטראַציע פון מצרים, צו דעם לאַנד מדין.

מדין — היינט הייסט עס מאַדיאַן — איז דער צפון־מערבדיגסטער טייל פון דעם פּאַס ביים ברעג פונ'ם אַראַבישען האַלב־אינזעל. דאָס איז אַן ערך די געגענד צווישען אַקאַבאַ (ביים גאָלף מיט'ן אַייגענעם נאָמען) און על־ווידזש, אַ 450 קי־לאָמעטער אויף דרום־מזרח־זייט דערפון. לויט די אויספאָרשונגען פון ענגלישע געלערענטע און אייגענע חקירות (פרידמאַן האָט געהאַט זיינע אַן אייגענע שיף „ישראל", מיט וועלכער ער פלעג אָפט פאָהרען אין צפון־טייל פון ים־סוף) האָט ער די דאָזיגע געגענד, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען ביי מצרים, געהאַלטען פאַר דער פּאַסיגסטער. ער האָט פּובליקירט זיין פּלאַן, לויט וועלכען מען האָט באַדאַרפט אָנהויבען דערמיט, מיליטעריש צו מושטירען אַ צאָהל מענער, כדי די

אַראַבער און בעדואינען פון זייער קומענדיגער היים זאָלען האָבען דרך ארץ.

און ס'האָבען זיך טאַקע געמאָלדען אַ פּאָר הונדערט יודען. מען האָט זיי צוגעגרייט אויף פרידמאַנס הוצאות און קודם כל געשיקט אויף דער סיני־האַלבאינזעל דאָרט האָט מען זיי באַדאַרפט מיליטעריש אויסלערנען. אַ דייטשער באַראָן, אַ פריהערדיגער אָפיציר, האָט געפיהרט די קאָמענדע, אַן עמעריטירטער פעלדוועבעל האָט באַדאַרפט פיהרען די מושטירונג. געצעלטען, כלי־זין, רעזערווען פון עסענוואַרג און מוניציע—אַלצדינג איז געווען אָנגעגרייט. אפילו אַ קליין מאַשין־געוועהר איז געווען.

אָבער די זאַך איז נעבעך באַלד צונישט געוואָרען. צי מען האָט שלעכט אויסגעקליבען די מענשען, צי זיי האָבען זיך ניט געקענט געוואוינען מיט דער דיסציפּלין, צי איז זיי צו שווער געווען דער נייער שטייגער לעבען—דאָס

אינ'ם לאדקעס־פּארט פון יפו.

ווייס איך נישט. די אונטערנעמונג האָט זיך פונאַנדערגעלאָזט. אויף פרידמאַנען, וואָס האָט דאָך אוודאי געהאַט דעם בעסטען מיין און דער זאַך אַ סך מקריב געווען—נישט בלויז געלד—איז נאָך אוסגערעדט געוואָרען אַלדאס. ביז ווי ס'מאַכט זיך שוין אזוי, פון דער גאַנצער מעשה מדין איז מעהר נישט געבליבען ווי דער זכר — און אַ פּאר אינטערעסאַנטע פאָטאָגראַפיעס.

די אַנדערע.

מיר טאָרען נישט פאַרגעסען, אַז נישט נאָר מיר יודען אַליין אינטערעסירען זיך מיט ארץ ישראל, נאָר אַנדערע אויכעט. קודם דאַרף מען אַ טראַכט טון, אַז ארץ־ישראל איז אַ טייל פון דער טערקישער אימפעריע, און טאַקי אַזאַ טייל, וואָס אָהן איהם קאָנען מיר זיך גארניט מאָלען קיין טערקיי, ווייל אהן איהם וואָלט זיך צופאַלען די גאַנצע אימפעריע. ארץ ישראל ליגט אַזוי, אַז ס'איז די איינציגע פאַרבינדונג פון לאַנד, וואָס צווישען סוריא, ארם־נהרים, קליין־אַזיע אויף איין זייט און טערקיש־אַראַביע, דער וואַסאַלען־מלוכה מצרים און טריפאליטאַניע אויף דער אַנדערער זייט. און דער דאָזיגער דרום־דיגער חלק פון דער טערקיי איז אַ סך וויכטיגער, ווי ער זעהט אויס אויף דער מאַפּע. וואָרים אַין דער טערקישער אראביע ליגען די היילגסטע ערטער פונ'ם איסלאַם, מעקאַ און מעדינאַ און מצרים (כאָטש דאָס שייכות צו דער טערקישער מלוכה איז אָפּגעשוואַכט) צוזאַמען מיט טריפּאָליס אין צפון־אַפריקאַ פאַרקניפּט די צפונ'דיגע אימפעריע מיט'ן רעשט פון דער מחמדאַנישער אַפריקע, וואָס קעהר אַפילו פּאָליטיש צו אַנדערע מלוכות, אָבער אין רעליגיעזען פרט שטייט עס דאָך אונטער דער שליטה פונ'ם חאַליפאַט, וואָס בראש פון איהם שטייט דער סולטאַן.

דעריבער מוז אונז קלאָר זיין, אַז ארץ ישראל איז אַ נייטיג עלעמענט פון דער טערקישער אימפעריע און דערצו וואָלט אויך אַ יעדער שינוי לטובת וועלכער ס'איז קריסטליכער מלוכה געווען אַ שווערע צרה פאַר די יודישע שטרעבונגען, אין דער טערקישער אימפעריע זענען מיר פונקט אַזוי זיכער מיט'ן נישט־געשטערטען וואַקסען פון אונזער מצב אין ארץ־ישראל, ווי מיר וואָלטען געקענט זיכער זיין מיט'ן היפוך אונטער וועלכע ס'איז קריסטליכער ממשלה.

אַ גליק, וואָס אַלע קריסטליכע מלוכות זענען גלייך אינטערעסירט מיט ארץ־ישראל, אַז ס'איז נישט מעגליך, ס'זאָל אַריינפאַלען נאָר צו איין איינציגער, און אין דעם דאָזיגען מצב פון אַ לאַביל גלייכגעוויכט וועט עס מסתמא בלייבען, אַזוי ווי ס'איז איצט. פאַראַן מענטשען, וואָס מיינען, אַז די פּאַוואָליעקייט פון אנטוויקעלונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן היינטיגען מזרח, לאָזט אונז נישט אַזוי גיך ווייטער־קומען — אָבער ס'איז ניט אמת. אויב עס וואָלט געגאַנגען גיכער און לייכטער, וואָלטען געקומען אַלע אַנדערע, אויסצונוצען די עקאָנאָמישע מעגליכקייטען פונ'ם לאַנד, נאָר מיר יודען נישט, וואָס מיר אַרבעטען נאָך ווייטער נישט גענוג, צו פאַרפעסטיגען אונזער מעמד אין לאַנד. אויף אַזאַ אופן איז די פּאַמעלעכדיגע ענטוויקעלונג אַ גליק פאַר אונז, וואָרים דורך דעם האָבען מיר אויך צייט צונויפצוקלויבען כחות און פאַר די קריסטליכע שטרעבונגען האָבען מיר דעם יתרון, אַז אין משך פון אַ לאַנגער צייט וועלען אונזערע לייט פאָרט זיין די ענערגישערע, און אַז מיר זעהן ניט פאַר זיך קיין צווייט פעלד פון אַרבייט, וואָס זאָל האָבען עהנליכע מעגליכקייטען, און — לאָזען די אַנדערע נוצען הונדערטמאל אַזויפיל מאַטעריעלע מיטלען — מיר האָבען עפּעס, וואָס די שטרעבונגען פון די אַנדערע פאַרמאָגען נישט: די מענשען, — — און אַזוי קומט פאָר דער אינטערעסאַנטער

פּראָצעס, אַז למשל רוסלאַנד, וואָס האָט צום שטאַרקסטען געשטרעבט צו האָ־בען ארץ ישראל, האָט דורך זיינע רדיפות אויף שטענדיג אוממעגליך געמאַכט זיינע אייגענע פּלענער. די אַנטלאָפענע יודען פון רוסלאַנד זענען שוין לאַנג אַ סך מעהר ווי די פּראַוואָסלאַווגע, און דער חילוק ווערט וואָס אַ טאָג גרעסער.

ס׳שטעהט געשריבען: „דרשו שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה כי שלומכם בשלומה.“ — מיר וועלען שוואר געפינען אַ אַנדער לאַנד אויף דער ערד וואו דער דאָזיגער פּסוק איז בלי ספק אַזוי גערעכט און פּאַסיג ווי פאַר דער טערקיי.

אָבער מיר טאָרען אפשר נישט מיינען אַז אַלע קריסטליכע שטרעבונגען אין ארץ ישראל זענען אַנטקעגען אונז. נאָך לאַנג איידער אַ סך פון די



א פּרימיטיווער אראבישער באוואסערונג־אפּאראט.

היינטיגע יודישע גוטע פריינד פון ארץ ישראל האָבען געטראַכט וועגען אַזוינע זאַכען, האָט למשל דאָס ראש פון דער דייטשער „טעמפּעל־געמיינדע“ געשריבען אין זיין בוך „אָריענט אונד אָקצידענט“ (מזרח און מערב): „מיר זענען שותפים אין די האָפענונגען פון די יודען זיי זאָלען ווידער קריגען זייער לאַנד.“ אויף אַן עהנליכען סימפּאַטישען אופן — נישט נאָר אין ווערטער — באַציהען זיך צו אונזערע שטרעבונגען די מיטגלידער פון דער „אַמעריקאַנישער קאָלאָניע“ אין ירושלים, און וועגען דער גרויסער און גוט באַטראַכטער אַרבייט פון די ענגליש־קריסטליכע „הילפס־געזעלשאַפט פאַר גערודפטע יודען“ און „סיריאַן קאָלאָניזעישאָן פאָנד“ רעדט זיך באריכות אויף אַן אַנדער אָרט פון דעם דאָ־זיגען בוך.

די מיסיאָנאַרען.

איינע פון די מיאוסטע זאַכען אין ארץ־ישראל איז די עקזיסטענץ פון דער אַזוי־גערופענער יודען־מיסיע, פון דער ענגלישער „געזעלשאַפט צו פאַרשפרייטען נצרות צווישען יודען״ — כאָטש אַלע ניט־פּאַרטייאישע בעאָבאַכטער — אויך קריסטליכע גלחים — ווייסען אויף קלאָר און זאָגען עס אויך גאַנץ אָפען, אַז דער סורישער קריסט שטייט בכלל טיף אונטער דעם מחמדאַנישען סוריער, און אַז דאָס רוב איבערקעהרונגען געשעהט צוליב מאַטעריעלע נוצען, פון דעסטוועגען זעהט מען נישט איין די ניט־פּאַסענדיגע מיאוסקייט, וואָס ליגט אין דעם גאַנצען פּלאַן פון דער יודען־מיסיע, און מען לויבט אַפילו די לאָנדאָנער מיסיאָנאַרען, ווייל זיי האַלטען זיך אַקוראַט ביי זייער פּראָגראַם און פּרובען נישט, איבערצוקעהרען קריסטען פון אַנדערע קאָנפעסיעס צו דער ענגלישער קירך, אַקעגען די אָריענטאַלישע קריסטען האָט מען אַ סך אַן איידעלער געפיהל. אַז פון זיי ווערען אַ סך „ענגליש געשמדט״ דריקען דאָך היכע ענגלישע גלחים צומאָל אויס זייער אומצופרידענקייט — אמת, דאָס טיפעניש געדויערט ווייטער. אַזוי האָט מען ביים איינאָרדענען אַן אַנגליקאַנישען עפּיסקאָפּאַט אין ירושלים בפירוש געזאָגט, אַז ס׳איז נישט אין דעם פּלאַן דערפון, צו געפינען ענגלישע גרים אונטער די מיטגלידער פון די אָריענטאַלישע קירכען, צו בינדען די אָרימע דורך מאַטעריעלע נוצען אָדער איבערצוקעהרען קינדער צון אַן אַנדער קאָנפעסיע אַקעגען דעם רצון פון זייער א טאַטע־מאַמע.״

בנאמנות, די נידעריגע מדרגה פון די אָריענטאַלישע קריסטען און די קנאה שנאה צווישען די פאַרשידענע קריסטליכע קאָנפעסיעס, וואָס מען זעהט פאַר זיך יעדען טאָג, זענען אַ גאַראַנציע דערפאַר, אז מען קען נאָר ברענגען צו דער שמד אַזוינע מענשען, וואָס לאָזען זיך אפקויפען. אין דעם בוך „פּאַלעסטינענזישע קולטור־בילדער *) (קולטור־בילדער פון ארץ ישראל) שטעהט:

> בפרט האָט אַ דעמאָראַליזירענדיגע פעולה דאָס מאַכען גרים דורך מאטעריעלער הילף. דער שלעזישער רוימיש־קאטוילישער גלח מאָמערט דערציילט, ווי אַ יודיש מיידעל, וואָס איז געשמדט געוואָרען אין דייטשען האספיץ אין ירושלים, האָט געזאָגט צו איהם: מיר לאָזען זיך שמד׳ן, כדי מיר זאָלען האָבען ברויט, דערנאָך זענען מיר ווידער יודען.״ און ער גיט צו: „ווען כ׳האָב מיט דער צייט מיך טיפער אריינגעקוקט אין די אָריענטאַלישע איבערקעהרונגען, האָב איך מיר געמוזט מודה זיין, אַז דאָס דאָזיגע קינד האָט גאַנץ נאַטירליך געצייכענט די פאקטען. איך קאָן ניט נתפעל ווערען פון דעם קויפען נשמות דורך ברויט אָדער געלט״. די דאָזיגע אָפענע ווערטער לאָזען זיך זאָגען וועגען דער מיסיע פון אַ סך קאַטוילישע אינסטיטוציעס, וואָס אַרבייטען אַקעגען דער רוסישער נשמה־כאַפּערייַ מיט די אייגענע מיטלען. דעריבער פאַרשטייט מען אויך, ווי מען קאָן זיך ניט פאַרלאָזען אויף די גרים. היינט זענען

*) פון R. Eckardt, E. Zickermann und D. F. Fenner. Verlag Georg Wigand. Leipzig 1907. דאס בוך איז רייך אילוסטרירט (64 בילדער אא״וו). און מען קאן עס רעקאָמאנדירען, כאטש עס זענען פאראנען א פאר טעותען בנוגע צו די יודישע פארהעלטעניסען.

זיי גרעקיש־קאַטויליש׳ מאָרגען רוימיש־קאַטויליש׳ איבערמאָרגען ווידער גרעקיש־קאַטויליש׳ לויט ווי זיי זעהן גרעסערע נוצען ביי איין קאָנ־פעסיע אָדער ביי דער אַנדערער. אַזוי ליידט די לאַטיינישע קירך׳ כאָטש זי איז פון אויסענווייניג אזוי שעהן׳ פון אַן אינעווייניגסטער שוואכקייט׳ וואָס פון דעם קאָן מען ניט דערוואַרטען קיין באַנייאונג פונ׳ם פאָלק דורך איהר.״

אויף אן אַנדער ארט פונ׳ם זעלבען בוך איז נאָך אַמאָל אונטערגעשטריכען דער ספק אין דער אמתדיגקייט פון אַזאַ בייט פון דער אמונה:

די יודען־מיסיע אַרבייט שטאַרק אין ארץ ישראל און בפרט די ענג־לענדער זענען מקריב פאַר איהר אַ סך געלט. אָבער די רעזולטאַטען



יפו׳ ווי מען זעהט עס פון ים.

זענען זעהר שוואַך׳ די איבערקעהרונגען מן־הסתם נישט תמיד רעליגיע־זע׳ און די גרים מוז מען שיקען אויף אן אנדער אָרט׳ כדי זיי זאָלען זיכער זיין פון די רדיפות פון די יודען. אין צפת האָבען מיר זיך באַקענט מיט אַ יודישען מויערער־געזעל׳ וואָס האָט אונז דערציילט׳ אַז ער איז אַ יוד׳ אָבער ער וויל באַלד ״אַנדערש גלויבען״ ער וויל ווערען פּראָ־טעסטאנט׳ וועט ער בעקומען א פּאָסטען אין עדינבורג׳ ווייל אין צפת וועט מען איהם ניט לאָזען פאַרדינען און וועט איהם רודפ׳ן.״

פאַרשטייט זיך׳ אַז עס איז קאָמיש׳ צו רעדען וועגען ״יודישע רדיפות״ ווען די צפתער יודען ווילען דעם משומד נישט געבען קיין אַרבייט׳ (וואס אפילו די קריסטען׳ וואָס שמד׳ן איהם׳ גלויבען נישט אין דער ריינקייט פון זיין מיין.)

אַן אנדער בוך „איננער דזשערוסאַלעם" *) (דאָס אינעווייניגע ירושלים) רעדט אויך אַרום דאָס פּראָבּלעם פון יודען־מיסיע·

קלאָר צו מאַכען דאָס שייכות פון די יודען (נישט כּדי צו קריטיקירען די מיסיע־שטרעבּונגען) וועלען מיר ברענגען אָט אָ די צאהלען· צווישען 1849 און 1896 האָבּען זיך געשמדט 492 יודען· דאס איז 10 און איין פירטעל אין איין יאָהר· דערפון אַן ערך די העלפט קינדער· אין יאָהר 1901 האָט זיך די צאָהל געהעכערט ביז 13; ביי א צאָהל יודען פון לפּחות 30·000 נפשות· און רעכנענדיג נאָר די דערוואַקסענע· בּאַטרעפט דאָס נאָר איין שמד צווישען 4000 יודען· די הוצאות פון דער געזעלשאַפט האָבען בּאַטראָפען 7000 ענגלישע פונט אָדער אַן ערך 1000 פונט אויף איין גע׳שמד׳טען יודען·

אַיך ציטער אלע מאָל· אַז די מיסאָנאַרען שיקען מיר אַ גר· אָדער ער



ביי די שוועבעל־בעדער אין טבריא·

מיינט עס לכתחילה נישט ערענסט· אָדער אַז ער מיינט עס שוין יאָ ערענסט· וועט ער זעהר באַלד פאַרדאָרבען ווערען דורך די חניפות פון די ענגלישע „אוהבי ישראל·"

אינ׳ם זעלביגען בוך ווערט ווידער אַקעגען געשטעלט די הוצאה פון מיה אַקעגען דעם גוטען רעזולטאַט· דאָס ענגלישע מיסיע־שפּיטאָל· וואָס דאָס בּויען האָט געקאָסט 12000 און דאָס אויפהאַלטען א יאָהר 2000 פונט· און וועלכען ס׳זענען איינמאל טויזענט קראַנקע באַהאַנדעלט געוואָרען איין יאָהר· וואָס מען האָט זיי דערביי שטאַרק מיסיאָנאַריש „בעאַרבייט"· זאָגט אין זיין דין וחשבון: „מיר האָבען געהאָפט· אַז א יונגער תימנער יוד וועט זיך איבערקעהרען· אָבער ער איז געוועזן זעהר קראַנק· און צוליב זיין בעזונדערער קרענק האָבען

By Mrs. A. Goodrich-Freer, London 1904, Archibald Constable & Co., Ltd. (*

מיר איחם נישט לענגער געקענט האַלטען און אונזער שפּיטאָל״..... איין האָפּע־נונג אויף אַ צעהנטעל פּראָצענט, און אויך פאַרפאַלען געוואָרען!

מען וואָלט נאָך געקענט ברענגען אַ סך אַזוינע פאַקטען און עדות, און אַזוי אַרום פּיהל איך די עקזיסטענץ פון דער יודען־מיסיע ווי אַ בעליידיגונג, כאָטש ס׳איז קלאָר, אַז די וואָס גיבען דאָס געלט פאַר די דאָזיגע געזעלשאַפ־טען, הייבען ניט אָן, דאָס צו מיינען, און אַז מען קאָן באַליידיגען א סך וועל־ווועלער און גיכער. ס׳איז באמת אַנארמאַל, אַזאַ שטרעבונג, צו מאַכען מיט גרויסע מיטלען פון שלעכטע יודען נאָך שלעכטערע קריסטען! בפרט אַז מען פארגעסט נישט, וויפיל נייטיגערע עובדות די ענגלישע (און אנדערע) קריסטען האָבען אויפצוטון ביי זיך אַליין, — קריסטליכע מיסיע צווישען יודען! ישראל זאַנגוויל שילדערט איינמאָל דאָס יודישע קוואַרטאַל פון לאָנדאָן וואַיטשעפּעל, ווען ס׳איז נאָך געשטאַנען אין מיטען דעם פּראָצעס פון דעם פריהערדיגען מצב מיט זעהר אַ שלעכטען שם, און דעם יודישען, רוהיגען, אַרבייטענדיגען קוואַרטאַל:

״דאס געטאָ האָט אָפּגעגעבען שלום צו דער מלכה שבת מיט שטאָלצע געזאַנגען און פשוטע שמחות, — ארום האָבען אין די שענקען די אַנ־דערש־גלייביגע שכנים אנגעטון זיך זייערע תענוגים, און זייערע שיכורע געשרייען האָבען געקלונגען אין די גאַסען, וואו נישט וואו האָט זיך אויך גע־הערט דאָס שרייען פון אַ ווייב, וואָס דער מאַן האָט זי געפּאַטשט און געשלאָגען.

אָבער קיין בן ישראל איז נישט געווען צווישען די, וואָס האָבען גע־שיכורט און געשלאָגען זייערע ווייבער, — די יודען בלייבען אַן אויסדער־ווייילטער שטאַם, א באַזונדער פאָלק, וואָס האָט געגוג חסרונות, אָבער ס׳איז כאָטש אויסגעלייזט פון די ערגסטע זינד, — זיי זענען אַ קליינע מענשליכע אינזעל, וואָס דער געני פון די אַמאָליגע אינזשענירען האָט מיט אַ מלחמה איינגענומען ביי די וואַסערען פון פאַרברעכערישקייט.״

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיר דאַכט זיך, מיר דאַרפען מלחמה האַלטען אַקעגען דער יודען־מיסיע מיט אונזער גאַנצען כח, און פאַראַן אויך דערצו מיטלען. איין מיטעל וואָלט געווען, נישט גלאַט צו פּראָטעסטירען, נאָר בעסער צו שיקען אַראָב קעגען־מיסיאנאַרען אין די קריסטליכע לענדער. איך מיין, דער יודישער גייסט איז נאָך גענוג שטאַרק כדי מלחמה צו האַלטען, ווי אין אַלטע צייטען, אַקעגען רעליגיעזע רעיונות, וואָס זענען אַזוי פאַלש פאַשטאַנען געוואָרען, וואָס האָבען געקענט פיהרען צו דעם משוגעת פון יודען־מיסיע, אָדער: די ענגלישע יודען, וואָס מצד די קריסטען העלפט מען זיי דאָך מסתמא גארנישט, אויפצוהאַלטען יודישע אינסטיטוציעס, וואָלטען באַ־דאַרפט אופהערען צו שטיצען די קריסטליכע אינסטיטוציעס, ביז מען וועט פון יענער זייט דורכ׳ן אָפּלאָזען די יודען־מיסיע ארויסווייזען מעהר דרך־ארץ צו יודישקייט, — די גרויסע מיטלען, וואָס די ענגלישע קריסטען, וואָלטען דערנאָך געמוזט שאַפען פון זייערע קעשענעס, וואָלטען די יודען אַ סך בעסער געקענט בוצען, פאַר זייער אייגענע כלל־באַדערפענישען.

בכלל קאָן מען זאָגען, אַז אונזער מיט־אַרבייטען ביי די אַלגעמיינע אויפגאַבען ברענגט ביי אונז אַ סך וועניגער דרך־ארץ מצד די אַנדערש־גלייביגע, ווי אויב מיר וואָלטען מיט אונזער גאַנצען כח אַלצדינג פאַרבעסערט און פאַרשענערט אונז אַליין.

די אייראפעאיזאציע פון ארץ ישראל׳

׳ אויב מען מעג — אינטערעסאַנט איז עס אַוודאי — ציטירען אַ וואָרט פון ישראל זאַנגוויל לטובת ארץ ישראל׳ וויל איך עס׳ בפרט ווייל ס׳איז אינטערע־סאַנט׳ צונעמען אַצינד ביים פאַרגעסען ווערען׳ וואָס וואָלט זיכער געשעהן׳ זאַנגוויל זאָגט אין זיין ציוניסטיש בוך „דהי קאמערשיאַל פיוטשור אוו פעליסטאין״ (דער סוחרישער עתיד פון ארץ ישראל): „איין ספערע פון השפעה איז פאַראַן׳ וואָס ארץ ישראל קאָן ניט אַנטלויפען דערפון׳ און דאָס איז דער רשות פון דער שליטה פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע.״

באמת׳ די מאָדערנע ענטוויקלונג פאַרענדיגט איהר קייט פון שטאהל און אייזען און וואָס ער קעהר נאך דערצו׳ אַלץ ענגער אַרום דעם אַלטען קולטור־לאַנד

אין די דינעס ביי חיפה מיט דער פאבריק „עתיד״

ארץ ישראל׳ וואָס האָט זיך צוריק אנטוויקעלט צו זיין עלטסטען און פרימיטיוו־סטען קולטור־מצב׳ בשעת אייראָפּע האָט זיך באַשאַפען אַ נייע ציוויליזאַציע.

— — — — — — — — — — — — — — — —

כדי צו בלייבען ביי דעם בילד פון דער קייט׳ לאָמיר קודם צוקוקען זיך׳ ווי די מאָדערנע קולטור רייסט זיך אַריין אין די לענדער אַרום ארץ־ישראל.

וועגען מצרים איז גאָר נישטא וואָס צו רעדען: אַ גרויסער און וויכטיגער טייל פון מצרים איז כמעט אזוי אייראפעאיש ווי עפּעס אַ שטיק פון אייראָפּא. אין דמשק און ביירוט זענען שוין פאַראַן עלעקטרישע טראַמוואַיען און באַלייכטונג׳ די ערשטע עלעקטריציטעט־ווערק אין דער טערקיי׳ וואָס אַ יעדען טאָג קאָן מען קאָנצעסיאָנירען נייע. אין לבנון׳ נאָהענט ביי ביירוט׳ געפינט מען לוקסוריעזע

האָטעלען, ווי ערגעץ אין די שווייצער בערג. אין קפריסין איז די השגחה פון דער ממשלה גרעסער ווי אינ׳ם רוב אייראָפּעאישע מלוכות, און אפילו אויפ׳ן סיני־האַלב־אינזעל, וואָס מען האָט אַזוי לאַנג געהאַט פאַרגעסן, בויט מען אַ האָטע־ווערק פאַר באַוואָסערונג, פלאַנצט סעדער אא״וו און בויט דאס מאָדערנסטע פון מאָדערנקייט — אַן אויטאָמאָביל־שטראָז.

— —

אין ארץ ישראל געהט עס פונ׳ם פרימיטיווען צום מאָדערנעם שוין איצט אין איינעם מיט דער ענטוויקלונג פון „קדושה" אַוועק צום עקאָנאָמישען לעבען. אַ כאַראַקטעריסטישער סימן דערפאַר איז געווען דאָס, וואָס מען האָט שוין מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק די צענטראַלע פונ׳ם „באַנק אטאמאן" איבערגעטראָגען פונ׳ם הייליגען ירושלים אין דער געשעפטליכער יפו. אויך די ציוניסטישע „אַנגלא פּעליסטאַין קאָמפּאַני" האָט איהר צענטראַלע אין יפו, און אין ירושלים נאָר איין פיליע איהרע (אַנדערע אין ביירוט, צפת, חיפה און חברון), כאָטש אין ירושלים האָבען געלעבט העכער 60.000 יודען און אין יפו נאר אַן ערך 10.000.

אויך באַהנען בויט מען כסדר ווייטער. ווער עס זיצט אינ׳ם לאַנד און וואַרט צו פאָהרען מיט דער באַהן, וואָס האַלט אין בויען זיך, צו דעם פּראָיעקטירען ענד־פונקט, דעם קאָן זיך די ענטוויקלונג אויסדאַכטען גאַנץ פּאַוואָליע, אָבער צוריקקוקענדיג אויף די לעצטע יאָהרען, זעהן מיר דאָך אַ גאַנץ שטאַרקע בוי־אַרבייט, וואָס האַלט כסדר אין וואַקסען. ווען אין יאָהר תרנ״ב איז די התחלה געמאַכט געוואָרען, מיט׳ן בויען די ערשטע ליניע, יפו—דמשק, האָט מען געבויט די באַהן פון ביירוט קיין דמשק, די צווייג־באַהן פון ראַיאַק קיין האמס און האַמאַ, די באַהן פון דמשק קיין מוזעריב, די באַהן קיין מעקאַ און די ליניע חיפה—ים־כנרת מיטן המשך צו דער העדזשאַס־באַהן. זינט דעם יאָהר 1906 געהט די נעץ פון די ליניעס שוין ביז ארם צובא (אלעפּא) אויף צפון־זייט, און אין דרום אין אַראַביע, איז די מעקאַ־באַהן שוין ביי מעדינאַ, און אפשר וועט מען שוין באַלד זיין אינ׳ם הייליגען מעקאַ.

אין ארץ ישראל גופא פעהלען עטליכע גלידער, כדי צו ענדיגען די קייט פון די פאַרקעהרס־וועגען, אָבער זיי זענען שוין קאָנצעסיאָנירט, און מיר וועלען מסתמא באַלד הערען, אַז מען האָט אָנגעהויבען צו אַרבעטען אויף די נייע ליניעס חיפה—ביירוט און חייפה—נאַבלוס (שכם) — ירושלים.

זעהר אַן אינטערעסאַנטער פאַקט איז דאָס, וואָס די האַמבורג־אַמעריקאַ־ליניע האָט אין יאָהר 1904 געבויט מאָדערנע האָטעלען אין דזשענין (עין גנים) — ווער האָט שוין געהערט דעם נאָמען פונ׳ם דאָזיגען דאָרף? — און אויף אַנדערע ערטער.

אויך די ליניעס פון דאַמפף־שיפען מעהרען זיך. מיט דער „דייטשער לע־וואַנטע־ליניע" וואָס אַרבייט שוין זינט יאָהרען און וואָס איהרע הוצאות און הכנסות האַלטען אין איין וואַקסען, איז דאָ נישט לאַנג פאַרבונדען געוואָרען אַ ברעמענער ליניע („אַטלאַס"). די פראַנצויזישע ליניע „מעסאַזשערי מאַריטים" האָט איינגעפיהרט אַ נייעם דינסט. לעצטענס איז אויך צוגעקומען א רומענישע ליניע, און אויך צווישען יפו און אַדעס איז באַשאַפען געוואָרען אַ נייע גיכע ליניע (5 טעג), וואָס ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז יודען פאָהרען מיט איהר, כדי גי־כער צוריק צו קומען אינ׳ם רוסישען פּאָטערלאַנד.

מצד די טערקען לעגט מען אויך מעהר אַכט אויף דעם וואַקסענדיגען ים־ און מסחר־פאַרקעהר. אין עזה האָט מען געבויט אַ בריק פאַר די שיפען, וואו זיך אָפּצושטעלען, און צאָל־ און לאַגער־הייזער האַלטען אין בויען זיך. אין חיפה פאַרבעסערט מען דעם פּאָרט און אויך יפו, וואָס האָט שוין באַקומען אַ קוואַראַנ־טענע־סטאַציע, וועט שוין לאַנג ניט מוזען וואַרטען אויף בעסערע פאַרהעלטע־נישען אין פּאָרט.

אַז ירושלים האָט דורך דער גוטסקייט פונ׳ם לעצטען סולטאַן ווידער באַקומען געבויט זיין אַלטען וואסער־צופיהר, איז אַ דבר ידוע — נישט אזוי גוט ווייסט מען אַז דורכ׳ן פאַנאַטיזם פון עטליכע מחמדאַנישע גלחים האָט מען ווידער אָפּגעשלאָ־סען דעס צופיהר צו דער שטאָדט און איהם נאָר געלאָזטביים ברונעם אויפ׳ן אָרט פון בית המקדש און ביים גיחון. וועניג באַקענט, אָבער אפשר דאָס אינטערע־



דער מעטשעט פונ׳ם שטיין אויפ׳ן אָרט פונ׳ם בית־המקדש.

סאַנטסטע איז דער פאַקט, אַז דאָס אַלטע באר שבע, וואָס האָט מיט זיבען יאָהר צוריק מעהר נישט געהאַט ווי די זיבען ברונעמס, וואָס פון זיי נעמט זיך זיין נאָמען, איז דערווייל אויסגעוואַקסען אַ מאָדערן לעבעדיג שטעדטעל מיט אַ ממשלה־פּאַלאַץ, מעטשעט און גלייכע, ריינע גאַסען מיט שורותביימער אא״וו. און אַז מען האָט דאָרטען אַפילו פאַרענדיגט אַ שטעדטישען וואַסער־צופיהר, וואָס שפּייזט זיך פון דעם אַלטען ברונעם פון אברהם אבינו. דאָס ווערק איז געליפערט גע־וואָרען פון אַ יפוער יודישער מאַשינען־פאַבריק און אייזען־גיסעריי, פון וועלכער די רעגירונג האָט אויך געדונגען די מאַשיניסטען.

אויך די יודישע געזעלשאַפט פון ארץ ישראל אייראָפּעאיזירט זיך גיך, סיי דורך דעם צוקומען פון נייע עלעמענטען, סיי פון זיך אַליין, און

אחוץ דעם זעהט זיך אויך אַ גאַנץ קליינע „אמעריקאַנישע ענטוויקלונג״.

די שטעדט זעהען שוין נישט אויס אַזוי אָפּגעלאָזט ווי פריהער. די גאַסען ווערען בעסער געהאַלטען. מען שפּריצט אפילו וואַסער, און אַחוץ דעם פּרימיטיווען מעטאָד מיט ציגען־קישקעס זעהט מען שוין אויך אַמאָל אמתע שפּריץ־וואָגענס. אין יפו מאַכט זיך אפילו אן אמת באָד־לעבען, דער ברעג, וואָס איז שלעכט פאַר דעם אָפּשטעלען זיך פון שיפען, איז זייער פאַסיג דערצו, און די פיער באָד־הייזלעך, וואָס זענען זעהר פּרימיטיוו איינגעאָרדענט, ווייזען זעהר אַ גרויסע מאָדערנקייט און זייער באַזונדערען שטייגער פון פאַרבינדען זיך געשעפטליך. ס׳איז אַ באָד־טראַסט, דאָס אַבאָנעמענט־בילעט פון אַ יעדען הייזעל איז אויך פאַר אַלע אַנדערע. די הייזלעך זענען אגב אורחא — גאַנץ פּראַקטיש — געבויט פאַר עטליכע האָטעלען פון דער ברעג־גאַס. ס׳באָדען זיך אין זיי זעהר אַ סך מענשען, צו די זומער־ און קור־געסט פון ירושלים און פון אַנדערע שטעדט קומען די גרויסע צאָהל אימיגראַנטען, וואָס האָבען זיך די לעצטע צייט באַזעצט אין יפו.

כדי מען זאָל זיך דורך די ווערטער ברעג־גאַס און האָטעלען ניט פאַרשטעלען קיין צו גרויסע זאַכען, ווילען מיר מוסיף זיין, אַז מען באַדאַרף נאָך אַ סך אויסבעסערען, כדי פון דער האַלב־אַזיאַטישער ברעג־גאַס זאָל ווערען אן אייראָפּעאישע. אויך פון די האָטעלען איז נאר איינס לויט אייראָפּעאישע השגות, אָבער ס׳איז טאַקי דאָס איינציגע נישט־יודישע, ס׳קעהר צו אַמשומד, וואָס גיט עס אגב אורחא די לעצטע צייט צו יודען אין אַרענדע. אָבער ס׳איז ניטא קיין מניעה, אַז אין דער קורצער צייט זאָל אויפ׳ן אָרט פון דער הייניטיגער גאַס זיך בויען אַ נייע און בעסערע. ס׳פעהלען נאָר די מענשען, וואָס זאָלען זיך נעמען דערצו, אָבער דאָס וועט מסתמא שוין ניט געדויערן קיין סך.

אַז ס׳זענען נישטאָ קיין גרויסע יודישע אונטערנעמער און קאַפּיטאַליסטען מוזען מיר דערווייל צופרידען זיין, אַז אַלץ מעהר „קליינע אונטערנעמער״ קומען קיין ארץ ישראָל און ברענגען אַהער עטליכע קליינע מלאכות, וואָס זענען ביז אַהער ניט געווען בנמצא אין ארץ־ישראל, אַזוי האָט מען אין דער לעצטער צייט איינגעאָרדענט עטליכע אינדוסטריעס אין יפו, למשל אַ פאַס־פאַבריק אַ פאַבריק פון קאָרקען, פון אייזערנע בעט־געלעגערס, פון פאַרפיומען, פון קינסטלערישע האָלץ־אַרבייטען, אן אייז־ און סאָדע־וואַסער־פאַבריק. אפילו אייז־קרעם ווערט אויסגעאַרבייט פון ארומגייענדיגע פאַבריקאַנטען און פאַרקויפט אין גאַס, מיט מוראדיג גרויסע הוצאות פון זייער לונג.

אויך אין גייסטיגען פּרט פּראָגרעסירט מען. העברעאיש ווערט אַלץ וויכטיגער אינ׳ם רעדען, און ס׳פעהלען ניט קיין קנאים פונ׳ם העבראַאיזם, וואָס וואָלטען גארניט געוואָלט סובל זיין קיין אַנדער לשון אינ׳ם לאַנד. אינטערעסאַנט איז די שעהן געדרוקטע פּלאַקאַטען מיט די ווערטער „עברים, דברו עברית״ (העברעער, רעדט העברעאיש!) וואָס מען זעהט זעהר אָפט. אזוי ווי עפענטליכע מודעות מוזען האָבען אַ שטעמפּעל, האָבען די דאָזיגע פּלאַקאַטען דורך דער צוגעקלעבטער טערקישער שטעמפּעל־מאַרקע א פּנים ווי זיי זענען גאַנץ אָפיציעל פון דער ממשלה גע׳חתמ׳עט.

דרך אגב, אויך די עסטרייכישע ממשלה, וואָס האָט דאָ אין לאַנד איהר פּאָסט, אַנערקענט די גלייכע רעכט פון העברעאיש אין ארץ ישראל: די שיף־רשימות פון די פּאָסט־דאַמפּער ווערען — צווישען אַנדערע לשונות — אויך געדרוקט אויף העברעאיש, און איך מוז זאָגען, אַז דער ק. ק. עסטרייכישער אָדלער איז מיר זעהר געפעלען אויף די דאָזיגע העברעאישע צירקולירען.

פון די אייראָפּעאישע לשונות שטופּט דאָס דייטשע אַלץ מעהר אַרויס דאָס פראַנצויזישע, און לאָזט נישט וואַקסען דאָס ענגלישע. און פונ׳ם יודישען שטאַנד־פּונקט איז דאָס לעת־עתּה גוט. כּל זמן די יודען פון ארץ־ישראל וועלען נישט זיין ענגער פאַרקניפּט מיט׳ן לאַנד, וואָלט דאָס קענען פון פראַנצויזיש און ענגליש אַרויסגעטריבען אונזערע יונגע לייט אין אַנדערע לענדער, וואָס זענען עקאָנאָמיש בעסער ענטוויקעלט. איין וועלט־לשון מוז מען אָבער זיך לערנען לעבען די לשונות פונ׳ם לאַנד, און דייטש קאָן דינען פאַר אַ פאַרמיטלערין פון אייראָפּעאישער בילדונג, און דערביי ליגט נישט קיין אנטרייבונג צו עמיגרירען אין די דייטשע לענדער, וואָס וואָלטען ניט געווען קיין גוטע היים פאַר יודען. ס׳איז אַן איראָניע פונ׳ם גורל: פאַר אַלע ניט־פריינדליכקייטען פון די הערשענדיגע אויף דעם שטח פונ׳ם דייטשען לשון צווינגט אונז דער פאַקט, וואָס מיר קערען צום דייטשען לשון — צי מיר ווילען צי נישט — שטיצען די דייטשע אינטערעסען אין דער לעוואַנטע. אָבער דער דאָזיגער מאָדנער מצב וועט נישט אייביג מוזען בלייבען. די וואַקסענדיגע אייראָפּעאיזאַציע פון ארץ ישראל און די וואַקסענדיגע איינגעפעסטיגטקייט פון די יודען אין ארץ ישראל האַלטען אונטער אַ געזונטע ענטוויקלונג, און אויך אינ׳ם שייכות פון די הערשענדיגע

א יודישע פעלד־ארבייטערין אין מרחביא (דאס גרויסע הויז פון אונטען איז א שטאל).

דייטשע ספערען געהט אָן פֿאַוואָליע אָבער בולט אַ שינוי בעסער אָפּ־צושאַצען דאָס יודישע פֿאָלקס־עלעמענט אין אינלאַנד און אויסלאַנד· די גרויסע נוצען, וואָס ליגט פֿאַר אַלע דייטשע אויסלאַנד־שטרעבונגען אין דעם דאָזיגען פֿאַקט, וואָס כּמעט 11 מיליאָן יודען, וואָס וואוינען נישט אין דייטשלאַנד, קע־רען זיך אָבער אָן מיט׳ן דייטשען לשון, דאָס איז אַ פֿאַקטאָר, וואָס קאָן ניט שטענדיג בלייבען ניט באַמערקט·

דערוויל גרייטען די שולעס פֿונ׳ם „הילפספעראיין דער דייטשען יודען" און דאָס נייע לעהרער סעמינאַר אין ירושלים פֿאַמעליך און זיכער צו די ערד פֿאַר אַ יודישער הויך־שולע· אַ מין גימנאַזיע (מיט העברעאיש און פֿראַנצוי־זיש) ענטוויקעלט זיך גוט אין יפו און אויך אַ „בערליץ־סקוהל" (פֿאַר פֿראַנ־צויזיש) איז באַשאַפֿען געוואָרען· די אַקערבוי־שולע פֿון דער „אַליאַנס" (מקוה ישראל), וואָס בלייבט, ווייזט אויס, אַלץ מעהר הינטערשטעליג· האָט דאָ נישט לאַנג איבערגעלעבט גאר אַ מאָדערנע זאַך: אַ תּלמידים־שטרייק, פֿון אַן ערך 100 תּלמידים זענען אפשר די העלפט אַהיים־געגאַנגען! „מקוה" איז קיינמאָל נישט געווען א גוטער פֿאַקטאָר פֿון דער יודישער ענטוויקלונג אין ארץ־ישראל, און האָט אין די תּלמידים איינגעפלאַנצט נאָר איין אידעאַל: פּאַריז! און ווייל אין דער דאָזיגער סביבה האָט מען אויך ניט געקענט געבען קיין גרינדליכע דערציהונג, איז נאָר אַרויסגעקומען אַ מין „צפֿון־אַפֿריקאַניזאַציע" וואָס האָט אָבער דאָך כּמעט אַלע תּלמידים פֿון מקוה ישראל ארויסגעטריבען פֿון לאַנד·

כּלומרשט אַן אַקאַדעמיש עלעמענט האָט די קונסט־מלאכה־שולע בצלאל אריינגעבראַכט אין לאַנד· עטליכע טייערע יונגע לייט זענען אַריינגעקומען אין לאַנד, און דאָס אויסוואַקסען פֿון אַ יודישעד קונסט־מלאכה וועט בלי ספק שטאַרק צונוץ קומען דעם לאַנד· אויף דעם וועג איבער קונסט־מלאכה, קליין־ און הויז־אינדוסטריע וועט באַלד קומען די אינדוסטריאַליזאַציע פֿונ׳ם לאַנד· אַחוץ דער בוימעל־עקסטראַקציע, וואו ס׳באַטייליגען זיך אַ סך יודען, רעדט זיך איצט פֿונ׳ם פּראָיעקט וועגען אַ גרויסער שפּין־און וועב־פֿאַבריק, און דורך דער נייער ענטוויקלונג פֿון דער טערקיי קאָנען מיר האָפֿען, אַז די אינדוסטריעלע מעגליכקייטען וועלען באַלד גורם זיין אַ סך אַ גרעסערע יודישע עמיגראַציע, ווי אַלצדינג, וואָס איז ביז היינט געפּרובט געוואָרען·

די דערמאַנטע אינדוסטריאַליזאַציע זעהט זיך אויך אויף אַנדערע אופנים, גאַנצע 500 נאַפּט־מאָטאָרען זענען אין די לעצטע 5 ביז 6 יאָהרען פֿון צוויי יפו׳ער פֿירמעס אריינגעפֿיהרט געוואָרען, מען האָט שוין אָנגעהויבען אויפצושטעלען זייג־גאַז־ווערק, וואָס אַרבייטען שפּאָרעוודיגער ווי נאַפּט־מאָטאָרען (אַ ווערק פֿון 75 פֿערד־כּחות איז אויפגעשטעלט געוואָרען אין אַ מיהל, וואָס אַ יוד האָט געבויט), טויזענדער נעה־מאַשינען ווערען פֿאַרקויפט וואָס אַ יאָהר, ס׳וואַקסען נייע מעכאַנישע וואַרשטאַטען און גיסערייען, און אפילו תּבואה־שניט־מאַשינען ווערען אַלץ מעהר און מעהר גענוצט·

אַחוץ די ביציקלען, וואָס מען איז שוין לאַנג געוואוינט צו זעהן, ווייזען זיך איינציגווייז מאָטאר־ביציקלען, אין יאָהר 1908 האָט זיך אפילו דאָס ער־שטע אויטאָמאָביל געיאָגט דורכ׳ן לאַנד, וואָס פֿאַר זיין פֿאָהרען האָט מען

אפילו געמוזט באקומען אַ באַזונדער דערלויבעניש פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל· אויך גראַמאָפאָנען זענען פאַראַן· זיי פּילדערען און טומלען אין אַלע אַראַבישע קאַווע־הייזער· און אַחוץ דער מאַשין־שרייבערין (דרך אגב· ס׳זענען אויך דאָ שרייב־מאַשינען מיט העברעאישע אותיות) איז אויך שוין פאַראַן די ערשטע „דאָקטערין“·

די אינדוסטריאַליזאַציע האָט אויך אינדירעקט גוטע רעזולטאַטען· זי מאַכט פון אונזער קאָלאָניזאַציע אַ סך מעהר מעשה געשעפט ווי די אַרבייט פאַר׳ן לאַנדווירטשאַפטליכען ישוב· מיט וועלכער מען האָט זיך ביז היינט אַליין פאַרנומען· עס דערוועקט זיך די פּריוואַטע איניציאַטיוו· נישט נאָר אין די שטעדט· נאָר אויך אין די קאָלאָניעס מאַכען זיך קאָאָפּעראַטיווען אויף אויסצואַרבייטען



א קוק פון דער דייטשער קאָלאָניע אויף יפו און אויפ׳ן ים·

די פּראָדוקטען און שאַפען קרעדיט· די פריהערדיגע געלד־עקאָנאָמיק· אין וועלכער ס׳איז ניט געווען קיין אחריות· ווערט פאַרשוואונדען אין איינעם מיט דער אַרבייט פון די פילאַנטראָפּישע פאַקטאָרען· פון די צדקה־שטרעבונגען וואַקסען אויס אינסטיטוציעס צו אַלגעמיינע נוצען· בוי־קאָאָפּעראַטיווען און קרעדיט־חברות ווערען באַשאַפען· און אויך די חלוקה גיט זיך מיה· בעסער און סיסטעמאַטישער צו נוצען איהרע מיטלען·

גרעסערע און קלענערע קאַפּיטאַליסטען· וואָס מען האָט ביז אַהער מיט אַלע מעגליכע בבא־מעשיות ווייט געהאַלטען פון ארץ ישראל· הויבען אָן אַהין קומען· און באמת· ס׳זענען פאַר זיי אַ סך מעגליכקייטען: בויען הייזער אין די שטעדט· מיסד זיין בוי־געזעלשאַפטען· ערד־ און בוי־שפּעקולאַציע —

אויפ׳ן לאַנד—אויסבערונג־אַרבייטען און דערנאָך פאַרצעלירונג — דאָס זענען אַלצדינג געשעפטען, וואָס קאָנען מסתּמא ברענגען זעהר גרויסע רווחים, אַז מען פאַרשטייט כאָטש אַביסעל פראַקטיש צו פיהרען. אמת, ס׳וועט קאָסטען אַ סך מיה, צו רעפאָרמירען די פאַלשע מיינונגען, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרען פון אַזויגערופענע גוטע פריינד פון ארץ ישראל, בפרט וועגען דעם קויפען ערד. מען קאָן גאָרנישט גענוג אונטערשטרייכען, אַז מען קאָן קויפען ערד, אין די שטעדט און אויפ׳ן לאַנד, אפילו אין נאָמען פון אויסלענדער, און אַז מען איז נאָר אַביסעל פאָרזיכטיג, קאָן מען אויך מיט זיכערקייט קויפען ערד אויף דעם נאָמען פון אַן אַנדערען, געזעצען, וואָס זאָלען דאָס ניט דערלאָזען, זענען ניט פאַראַן, ס׳עקזיסטירען נאָר אַדמיניסטראַטיווע מנהגים, וואָס פאַר־שווערען די זאַך, און דאָס וועט מסתּמא איצט אויך באַלד פאַרשוואונדע ווערען.

אויך די אַרבייטער־פראַגע הויבט אָן איצט צו ווייזען זיך אין ארץ ישראל. אַחוץ דעם דערמאַנטען שטרייק פון די תּלמידים אין מקוה ישראל און אַחוץ דעם שטרייק פון אַ רב (וואָס דורך איהם איז די קאָלאָניע ראשון־לציון זעקס וואָכען געבליבען אָהן פלייש) זענען שוין אויך געווען רעגולערע אַרבייטער־שטרייקען, למשל אין דער קאָלאָניע פּתח תּקוה און אין דער שטיינ׳שער פאַבריק. פּתח תּקוה איז די ערשטע קאָלאָניע, וואָס קאָן און וויל כּסדר געבען אַרבייט פאַר דער גרעסטער צאָהל יודישע אַרבייטער, און ווי פּתח תּקוה בנוגע צו לאַנדווירטשאַפט, אַזוי איז געווען די שטיינ׳שע מאַשינען־פאַבריק און גיסעריי אין יפו נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק דער גרעסטער אינדוס־טריעלער אַרבייט־געבער אין ארץ ישראל. גאָך וואָלט מען געקענט אויסרעכענען די מלאכה־שולע פון „אַליאַנס איזראַליט” אין ירושלים, די בעסטע אינסטיטוציע פון „אליאַנס” וואָס גיט אַרבייט אַחוץ איהרע תּלמידים אויך עטליכע אַרבייטער, בפרט ביים אויסאַרבייטען דיקערע וועבעריי־זאַכען, פענסטער־פאַרהענגלעך וכדו׳ נאָר מען קאָן שוין היינט זאָגען, אַז אונזער „בצלאל” כאָטש ער איז נאָך אַזוי יונג און האָט זעהר ווייניג מיטלען, וועט ער דאָך באַלד אַריבעריאָגען דאָס דאָזיגע בעסטע פראַנצויזישע אינסטיטוט פונ׳ם יודישען ארץ ישראל.

פאַרשטעהט זיך, אַז מען קאָן ניט טראַכטען וועגען אַן אייראפּעאיזאַציע פונ׳ם לאַנד, איידער די אַראַבישע איינוואוינער וועלען זיך ניט אויסלערענען קיין אייראפּעאישע באַדערפעניששען. אָבער אויך דאָס דאָזיגע איבערקעהרעניש קומט איצט פאָר. נאָך מיט 20 יאָהר צוריק, האָט מען מיר דערצעהלט, זענען די אַראַבער אין יפו אָפט נאָך האַלב נאַקעט אַרומגעגאַנגען, היינט זעהט מען אַזוינס נאָר ביי אַ יוצא מן הכּלל, און בשעת זיי האָבען פריהער עפּעס אַזוינס ווי מעבעל כמעט ניט געקענט — אַחוץ זייערע דיוואַנס, געשטעפּטע קאָלדרעס און קישענס — זעהט מען היינט שוין אַ סך שפּאַצירען אין אייראָפּעאישע מלבושים מיט פּרעס־פאַלדען אָהן אַ פעהלער אין די הויזען, אַ פאַצעט פון אויבען ביז אַראָפּ, די וואָנצעס פאַרדרייט אַרויף, אויף די פיס גלאַנצענדיגע לאַק־שיך. בנוגע צו מעבעל זענען היינט שוין אַ סך אַראַבישע הייזער דאָס אייבערשטע פונ׳ם שטייסעל, און ס׳זענען אפילו פאַראַנען יודישע סטאָליערעס (אַחוץ אַ גרוסער צאָהל אַראַבישע און גרעקישע), וואָס זייערע קונים זענען

ניין צעהנטעל אַראַבער, וואָס פיהרען זיך מיט אַ גריוסען לוקסוס: אגב אורחא, אַרבייט דאָס רוב פון די דערמאַנטע 500 נאַפט־מאָטאָרען אין אַראַבישע גערט־נער און מיהלען. פון דער גראַמאָפאָן־מגפה האָב איך שוין גערעדט, אָבער אויך אַ פאָטאָגראַף, אַן אַמאַטאָר קאָן אַפילו מיט'ן קלענסטען אַפּאַראַט ניט גייען זיך זיין וועג, עס זאָלען די גרויסע און קליינע אַראַבישע קינדער ניט תיכף זיך כאַפּען, וואָס מען מיינט דאָ, דורכשמועסען זיך וועגען דעם און גע־בען זיך אַ שטעל, ווי ס'דאַרף צו זיין, אַזוינס טרעפט זיך שוין אַפילו אין פאַרוואָרפענע אַראַבישע דערפלעך, וואו מען וואָלט זיכער ניט גערעכענט, אַז מען ווייסט דאָרטען עפּעס דערפון.

על כל פּנים האָבען די פאַרשידענע אייראָפּעאישע מלבושים שוין לאַנג אויפגעהערט אָנצומאַכען אַ רעש, און נאָר איינמאָל האָב איך געזעהן, ווי אַן



אין אפו[illegible]ה, פעלדער, איילבירט־ביימער און א אלטער וואסער־צופיהרי.

אייראָפּעאיש מלבוש האָט געמאַכט אַ רושם: דאָס איז געווען אַ שוואַרצער גלאַנצענדיגער צילינדער פון אַן אויסטראַלישען מיליאָנער, וואָס איז געקומען צו זעהן זיך מיט זיינע עלטערן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ס'פעהלט נאָך אַ סך, און ניט איטליכע פון די דערמאַנטע ענטוויקלונגען וועט ווייטער פּראָגרעסירען אָהן מניעות, אָדער אַמאָל צוריקגייען אַ ביסעל, אָבער ס'קאָן ניט זיין קיין ספק, אַז אין דעם שטאַרקען באַטייליגען זיך פון די יודען אין דער אויפבליהונג פונ'ם לאַנד, ליגט אונזער איינציגע, אָבער באַרעכטיגע האָפענונג, אַז ארץ־ישראל וועט זיין אַ לאַנד מיט אַ יודישען עתיד.

דאס וואקסען פונ׳ם יודישען עלעמענט·

ווי ס׳איז שוין דערמאַנט געוואָרען אין אָנהויב פונ׳ם דאָזיגען בוך׳ האָבען מסתּמא אין אַלטע צייטען זינט דעם חורבן געלעבט מעהר וועניגער גרויסע יודישע קהילות אין ארץ ישראל· גענויערע צאָהלען פאַרמאָגען מיר ערשט פון די לעצטע צייטען׳ אָבער אויך נאָר אַ קנאַפּ ביסעל ידיעות· זיי ווייזען׳ אַז אַרום דעם יאָהר ת״ר האָבען געלעבט אן ערך 10·000 יודען אין ארץ־ישראל׳ די צאָהל האָט זיך ביז תר״מ פאַרגרעסערט ביז א 25·000 און איז פון דעמאָלט — ס׳רוב דורך דער אימיגראַציע׳ וואָס האָט זיך איצט פאַרשטאַרקט—געוואָקסען אויף אַזאַ אופן :

אין יאָהר	1880	זענען געווען אין אֶרץ ישראל אָן ערך	25·000	יודען
״ ״	1890	״ ״ ״ ״ ״ ״	43·000	״
״ ״	1900	״ ״ ״ ״ ״ ״	60·000	״
״ ״	1910	״ ״ ״ ״ ״ ״	95·000	״
״ ״	1914	״ ״ ״ ״ ״ ״	120·000	״ (*

לויט דעם און אויפ׳ן יסוד פון געוויסע פאַקטען אָון באַטראַכטונגען קאָן מען רעכענען׳ אַז — אויב דער פראָגרעס וועט נישט געשטערט ווערען — וועט די צאָהל יודישע איינוואוינער פון ארץ־ישראל זיך כּפלען אין משך פון אַלע 15 ביז 18 יאָהרי· 1927 וועלען זיין אַן ערך 190·000׳ ארום יאָהר 1944 אַן ערך 380·000 יודען· דערביי איז גערעכענט׳ אז אין די לעצטע צייטען

*) זייט דער וועלט מלחמה פארקלענערט ביז א 100.000



סאמאך ביים ים כּנרת· ס׳זעהט זיך די אזערע׳ דאס דארף׳
דער שטאדט־פּארק׳ באהן־הויף׳ פּלאנטאציעס און עראפּלאן־געצעלטען·

וואַקסט די אימיגראַציע פון יונגערע עלעמענטען אַ סך שטאַרקער ווי פריהער, ווען ס'זענען כמעט נאָר די זקנים און די קראַנקע, די טויט־קאַנדידאַטען, געקומען קיין ארץ ישראל. אויך איז ביי דעם דאָזיגען מסתמא־חשבון באַרעכענט דער לפי ערך גיכער פראָגרעס פונ'ם לאַנד אין די לעצטע צייטען, די בעסערע רעזולטאַטען פון אונזער קאָלאָניזאַציע, דאָס הויבען זיך פון מסחר און פאַרקעהר.

אומקעהרענדיג זיך ווידער פון די דאָזיגע שאַצונגען פון עתיד צו די פאקטען פונ'ם היינט, ווילען מיר נאָך זאָגען, אַז די צאָהל נישט־יודען פאַרגרעסערט זיך זעהר פּאַוואָליע, אויב זי פאַרגרעסערט זיך בכלל. דורך איהר פרימיטיווען לעבען־שטייגער און איהרע אַלגעמיינע דעות, וואָס ווילען זיך נישט אַריינמישען אין דעם גאַנג פון דער טבע, איז די שטאַרבליכקייט ביי די נישט־יודישע איינוואוינער אַ סך גרעסער און אַחוץ דעם איז דאָ שוין איצט א שטאַרקע אימיגראַציע, וואָס האַלט וואָס אַ יאָהר אין וואַקסען.



שכם (פון פאַרענט א אראבישער בית־הקברות מיט אגאוועס).

מען קאָן דעריבער רעכענען, אַז די יודישע פּאָזיציע אינ'ם לאַנד — בפרט אין מערב עבר הירדן — וועט בקרוב זיין אַ סך שטאַרקער ווי היינט, און דאָס איז אַ פאַקטאָר, מיט וועלכען אַלע יודישע ארץ ישראל־שטרעבונגען וואָלטען זיך שוין היינט באַדאַרפט רעכענען. עס איז אַ גרויסער חילוק, צי אַ צאָהל, וואָס מיר קוקען היינט אָן, שטייט אין אַ שורה, וואָס האַלט אין וואַקסען אָדער אין פאַרקלענערען זיך, צי אונזער אַרבייט זאָל נאָר היטען אַ צוריקציהען זיך, צי זי גרייט צו אַ גרעסערען עתיד. די אַרבייט וועט דאָ גאַנץ אַנדערש זיין ווי דאָרטען, און אויך דער טעמפּ פון דער אַרבייט.

בנוגע דעם געהער צו די ערשיינונגען, וואָס גיבען צו אַ סך מוט, דאָס, וואָס

איז שוין געשעהן אין די לעצטע יאָהרען און וואס האַלט אַצינד שוין גלייך אין צוגרייטען זיך. נאָך ביז אַ דריי, פיר יאָהר צוריק זענען נאָר געוועזן גאַנץ ווייניג געזעלשאַפטען, אינסטיטוציעס און חברות, וואָס האָבען געאַרבייט אין ארץ ישראל, און אויך פון דער דאָזיגער קליינער צאָהל האָבען דאָס רוב געאַרבייט אויפ'ן אַלטען שטייגער: חלוקה, הילף פאַר אלטע, שוואַכע און שלאַ־פע — שולעס, וואָס האָבען גיכער צוגעגרייט פאַר'ן אויסלאַנד ווי פאַר ארץ־ישראל אַליין — קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבייט, וואָס האָט מגדל געווען דאָס נישט־זעלבשטענדיגקייט. — אָבער דערווייל איז זעהר אַ סך אויפגעטון געוואָרען.

מיר האָבען אין די לעצטע יאָהרען געהאַט אַ סך אַ גרעסערע מיט־אַרבייט מצד דער גרעסטער יודישער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט, דער יק"א (יודישע קאָלאָניזאַציע אַסאָציאַציע), וואָס קויפט איצט אלע יאָהר נייע ערד און באַזעצט



וואוינונגען, געבויט בשעת הדחק, פון תימנים, אינ'ם זאמד בּאַר יפו (1907)

אויף איהר קאָלאָניסטען. — אין דער זעלבער צייט האָט די לאָנדאָנער "יודישע קאָלאָניאַלבאַנק" אָנגעהויבען צו אַרבייטען אין ארץ ישראל. זי האָט באַשאַפען פיליעס (פון דער אַנגלאָ־פעליסטאַין־קאָמפּאַני) אין יפו און ירושלים, אין ביירוט, אין צפת, אין חיפה און אין חברון וואָס האָבען זעהר אַ גוטע השפעה אויף אַלע עקאָנאָמישע פאַרהעלטעניִשען. — אין דער אייגענער צייט האָט דער "הילפספעראיין דער דייטשען יודען" איינגעאָרדענט עטליכע שולעס און קינ־דערגאָרטענס, צווישען די ערשטע אַ מסחר־שולע און אַ לעהרער־סעמינאַר. מען גרייט צו אַ טעכנישע הויך־שולע און אַ פאַרם־שולע פונ'ם "הילפספעראיין" און בלי ספק וועט מען באַלד מעהר אויפטון אין די זאַכען. — מיט דער הילף

פון דעֶר אָדעסער ארץ ישראל־חברה׳ פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאַציע און פונ׳ם „הילפספעראיין״ האָט מען איינגעאָרדענט אַן אינפאָרמאַציע׳ וואָס פאַרשפרייט זיך איבער׳ן גאַנצען מזרח׳ אַן אינסטיטוציע׳ וואָס קאָן ערשטענס זעהר וויכטיג ווערען פאַר אונזער קאָלאָניזאַציע־אַרבייט׳ און צווייטענס צום ערשטען מאָל פאַראייניגט די דערמאַנטע געזעלשאַפטען צו אַ בשותפותדיגער אַרבייט׳

אָבער אַחוץ דער דאָזיגער אַרבייט פון געזעלשאַפטען׳ וואָס מען וואָלט נאָך געקענט ברענגען אַ גרעסערען צעטעל׳ האָבען מיר אין די לעצטע יאָהרען אויך געזעהן אַ לפי ערך שטאַרקען פראָגרעס פון דער פריוואַטער איניציאטיוו׳ ווי ער איז ניט געווען אין דער גאַנצער פריהערדיגער ענטוויקלונג׳ די אימיגראַנטען פון דער לעצטער צייט זענען אָפט געווען גאָר פון אַ אַנדערען שניט ווי די פריהערדיגע׳ זיי האָבען מיטגעבראַכט אין לאַנד לעבען אין אַ גייסט פון אונטערנעמען זיך׳ ווער ס׳האָט געקענט יפו פאַר׳ דער דאָזיגער צייט און וואָלט עס געזעהן היינט׳ וואָלט טאַקי געמוזט חידושען זיך׳ און דאָס איז ערשט אַ התחלה׳ אַ קליינער טייל פון דעם׳ וואָס איז צוגעגרייט געוואָרען און וועט׳ ווי מיר האָפען׳ באַלד פאַרטיג ווערען׳



דאס דארף סעבאַסטיע׳ מיט חורבות פונ׳ם אלטען שומרון׳

אין דער לעצטער צייט איז אויך אַ ביסעל אינדוסטריע געקומען אין לאַנד אַריין׳ לעת־עתה נאָך גאַנץ וועניג׳ אָבער פאָרט זענען דורך דעם שוין צוגעקומען פינף ביז זעקס נייע פונקטען׳ אין דעם יודישען ישוב פון ארץ ישראל׳ נאָר וויכטיגער ווי די דאָזיגע גרעסערע אינדוסטריעס דאַכט זיך מיר אויס׳ איינצופיהרען היים־אינדוסטריע׳ וואָס דורך דעם וואָלט דאָס יונגערע דור

פון די שטעדט געהאַט אַ גוטע פּרנסה, און די קאָלאָניסטען און אַרבייטער פון די קאָלאָניעס אַ צווייטע פּרנסה פאַר דער צייט, וואו ס'איז נישטאָ קיין לאַנד־ווירטשאַפטליכע אַרבייט.

וואָס בנוגע צום צוגרייטען אַזוינע היים־אינדוסטריעס, איז אויך אַ סך גע־טון געוואָרען אין די לעצטע יאָהרען. פון די שטרעבונגען דערצו זענען די באַקענטסטע יענע פון דער ירושלימער קונסט־מלאכה־שולע „בצלאל״ וואו ס'זענען שוין געלערענט געוואָרען אַ 400 יונגע לייט און מיידלעך אין פאַר־שידענע פאַכען און ווערען נאָך געלערענט. דער־עיקר האָט מען איינגעפיהרט טעפּיך־וועבעריי, אַחוץ דעם אויך שטיין־אויסהאַקעריי, האָלץ־שניצערי, מאָדעלי־רען אאַ"וו. די רעזולטאַטען האָבען געגעבען דעם מוט, צו קויפען אַן אייגען גרויס הויז פאַר דער אינסטיטוציע, וואו מען האָט נאָך אַ געהעריג איבערבויען איצט איינגעאָרדענט אויך דאָס „בצלאל״־מוזיי, דאָס דאָזיגע מוזיי וועט מסתמא באַלד דאָס ערשטע ווערען בנוגע צו יודישער קונסט־מלאכה, אָבער אויך פאַר דער געאָגראַפיע, עטנאָגראַפיע וכדו' פון ארץ ישראל ווערען דאָ זייער גוטע מאַטעריאַלען צונויפגעזאמעלט.

קונסט־מלאכה אין דער היים קאָן ווערען איינס פון די בעסטע מיטלען ווייטער צו בויען די יודישע קאָלאָניזאַציע־אַרבייט גיך און לפי ערך מיט קליי־נע מיטלען. אין עהנליכע מלאכות, אין אַנדערע לענדער, זענען פאַרנומען טויזענטער און צעהנער טויזענטער הענד, און וואָס איז מעגליך געווען דאָר־טען, וועלען מיר אויך קאָנען אויספיהרען. על כל פנים קאָן מען ווינשען דעם בצלאל, אז זיינע שטרעבונגען זאָלען ווערען אַ ממשותדיגע זאַך און דאָס קויפען אַן אייגען הויז קאָן דינען פאַר אַ גוטען סימן אויפ'ן דאָזיגען וועג.

דרך אגב, די הייזער פונ'ם בצלאל זענען דאָס ערשטע אייגענס, וואָס דער יודישער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט געקויפט אין ירושלים, און זיי זענען זעהר אַ שעהן אייגענס. צוויי גרויסע הייזער, איינס לעבען אַנדערען,ביידע מיט אַ מין טורעמ'ל פון אויבען, דאך און טורים מיט די כאַראַקטעריסטישע ירושלימ'ער צינען.

איבער דעם טורעם פונ'ם העכערען הויז וויל מען שטעקען אַ ריזיגע מנורה — אַ יודיש סימבאָל, וואָס וועט זיך זעהן גאַנץ ווייט, און וועט זיין העכער פון אַלע צלמים פון ירושלים.

תוכן.

זייט

הקדמה	5
דער מזרח, שטענדיג דער אייגענער	7
די יודען פון מזרח	10
ירושלים (אַראַבּישע אגדות און מעשיות.)	16
ארץ ישראל, דער צענטער פון דער יודישער וועלט	24
ביים קבר פון דוד המלך	30
דאָס אָבסערוואַטאָריום	32
דאָס כותל מערבי	33
די קברים פון די מלכים	43
דער איילבּירט־בּוים	44
קאָרן־מסחר	47
די נסיעה אויפ'ן קעמעל	48
דאָס וויגעלע פון אברהם אבינו	57
העברעאיש אין ארץ ישראל	58
די „עלעמענטען" פון ארץ ישראל	61
דאָס קבר פונ'ם הייליגען	65
„אַלאַ איז גרויס"	69
די יודען פון דמשק	69
דער וואַנדערער און דער בּוים אין מדבר	71
איין טאָג אין בּני־יהודה	74
דאָן יוסף נשיא	80
כרם אברהם	87
מדין	89
די אַנדערע	91
די מיסיאָנאַרען	93
די איירָאפּעאיזאַציע פון ארץ ישראל	97
דאָס וואַקסען פונ'ם יודישען עלעמענט	106